STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01912

71 LIDER

Israel Ch Biletzky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ח. בילעצקי

71 לידער

פאַרלאַג ״ המנורה ״ תל-אביב
תשל״ג 1973

I. CH. BILETZKY
71 Poems

י. ח. בילעצקי / 71 לידער

©

פאַרלאַג „המנורה״, רח׳ זנגביל 24, תל-אביב, ישראל
"HAMENORA" PUBLISHING HOUSE, 24, ZANGWILL ST., TEL-AVIV, ISRAEL

נדפס בישראל תשל״ג
PRINTED IN ISRAEL

סידור: משה חמיאל הדפסה: ״חבצלת״, הרצליה

אינהאַלט

7 דער זיבעטער בעטלער
10 אויף די וויעס פון מיין דור
12 קיינמאָל איז די מוזע ניט פאַריתומט
16 אַ ליד ווערט געבוירן אַזוי
18 אַ פאָדעם אין נאָדל פון דורות
19 קיין משרת און באַדינער
20 דו
22 נעם
24 זינגען און זינגען
27 פאָרטרעט
32 אַ ליד
34 ווען איז שבת ?
36 דאָרט ווו עס ענדיקן זיך שלאַכטן
37 אַ טרער
40 אַ פרשה פון חומש
43 אַ צוויי פנימדיקער
44 סך־הכל
46 דער אלף־בית
48 דער וואָרצל
50 אַ גלויביקער כופר
52 ווערטער
55 כ׳האָב מיין לעבן ניט פאַרשפּילט אין קאָרטן
57 דאָס קול
59 אַן אַלטע קרעטשמע
61 דין און דינער
63 כ׳קען שווערן
64 אַנדערש
66 אַ בריוול פון יצחק וואָרקער צו ר׳ מענדל קאָצקער
68 דינע געוועבן
70 שטענדיק פעלט מיר עפּעס
71 אַלע חלומות פאַרשווימען
72 לאָמיר ווייטער פאַנטאַזירן
74 ✶

76 וואוהין ?
78 ✶
79 ווען איך דאַוון אַליין
82 אויף מיין אייגענעם שאָטן
84 שוואַרץ און בלוי
87 בענקעניש
89 אַטאַמען
91 מיין פאַרמעג
93 אַנטי מאָדערן
94 אַ דינער עלנט
96 זכרון
99 סתירות
100 אָפּן שטייען אַלע טירן
102 אַ גרין בלאַט
103 וואָס ברענג איך אַ היים ?
107 צווישן חסד און דין
108 ווען איך וואָלט קענען זיך אַליין פאַרשטיין
109 אין הקפות אַרום וועלט־באַלעמער
113 תם ונשלם
114 וואָרצל און מעל
115 אין ווירבלדיקע טעג
116 אַלע שעהען זינקען
118 אַלע טייכן
120 אַ ליד
121 אַ פידל אָן אַ בויגן
122 ער זאָל רוען אין פרידן
123 ווו נעמט מען כח ?
125 כ׳האָב געפרעגט
127 ✶
128 צוויי גרינע בלעטער
129 טראָגט אַריבער
132 אַזאַ אומעטיקן טאָג
134 ✶
135 ביי אַ טישל אין קאַפע
137 ווען עס צינדן זיך די האָריזאָנטן
138 תהילימדיק
139 ביידע
140 אַ ליד

דער זיבעטער בעטלער

ווער קלאַפּט אַזוי בײַנאַכט אין טיר?
ר׳ נחמנס זיבן בעטלער קומען הײַנט צו מיר.
ס׳האָט מײַן האַרץ געגעבן זיך אַ ריס:
דער שטאַמלער און דער טויבער, דער קאַליקע אָן פֿיס —
און אפֿשר איז דער זיבעטער — אַ קונדס אָדער לץ,
געקומען מיר דערציילן די סודות פֿון דעם קץ.
אָט דער מיט קרומען האַלדז — שטייט אַנטקעגן מיר
נעמט מיך אָן בײַם האַנט און שרײַבט מיט מיר אַ שיר.
פֿונוואַנען קומט איר, בעטלער? — פֿון ווײַטן-ווײַטן סטעפּ,
יסורים, שטורעם-ווינטן צו דײַן שוועל דערשלעפּט.
געוואָלט הײַנט ברענגען דיר נחס רעגנבויגן,
האָט עס דער זיבעטער פֿאַרצוקט מיט זײַנע אויגן;
געוואָלט הײַנט ברענגען דיר אַ רמז פֿון דעם סוד,
האָבן פֿונקען פֿײַער אויסגעלעקט דײַן שטאָט;
געוואָלט הײַנט ברענגען דיר שיינע ווײַסע טויבן,
האָט אַ דונער אויסגעהאַקט אין הויז די בלויע שויבן;
געוואָלט פֿאַרפּאַקן דיר אַ טײַערע מתנה,
האָבן זיך צעבונטעוועט אין קלויסטערס די איקאָנעס.

נאַכט אַרום און שנייען, שאָטנס אויף דער וואַנט,
אַ בעטלער נאָך אַ בעטלער שפּאַנט און שפּאַנט.
פֿרעגן מיך די בעטלערס ווי שפּעט איז שוין די שעה,
צי האָט דער עמער טרערן דערגרייכט שוין ביזן דנאָ;
און וואָס איז אויף דער וועלט מיט דין און מיט דיין,
קענען די ניגונים אַן אַלטע וועלט באַנײַען;
און וואָס איז מיט ישׂראל, מיט כהן און מיט לוי,
וואָס הערט זיך אויף בית-עלמינס, צי היט מען די מצבות;
צי היט מען יידיש לשון, צי עפּנט מען אַ סידור,

צי כּל ישׂראל ערבים — שׂונאים, אָדער ברידער;
וואָס איז מיט אגדה, מיט אַ ביסל תּורה
און יום-טובדיקער ניגון מיט אַ ביסל מרה-שחורה —
פֿרעגט אַזוי דער שטאַמלער — און קלאָר איז מיר זײַן וואָרט,
פֿרעגט אַזוי דער טויבער מיט דער סיוּוער באָרד,
פֿרעגט אַזוי דער קאַליקע און דער מיט קרומען האַלדז
וויל וויסן אַלע פּרטים, וויל וויסן אַלץ און אַלץ.

אַ נאַכט קלאַפּט אָן אין לאָדן — וויל זיך ניט פֿאַרזאַמען,
אַלע צווײַגן בייגן זיך צו אומעטיקע שטאַמען.
די בעטלערס, ווי די נאַכט, פֿאַרוואַרפֿן זייער נעץ
און איך וויל עפּעס פֿרעגן, וואָס הערט זיך מיטן קץ;
צי וועט דער מאָרגנשטערן שוואַרץ זײַן אָדער רויט,
ווער וועט אָנצינדן דאָס פֿײַערל אין קנויט?
ווער וועט אויסשיטן אַ זאַק מיט ליכט און פֿינקל,
אין אָרעמע אַלקערס פֿון ווינקל צו ווינקל;
און ווער וועט אָפּמעקן פֿון הערצער דאָס געוויין,
און צוריקקערן דעם קנייטש זײַן שיינקייט און זײַן חן;
ווער וועט ברענגען מיר קלאָרקייט פֿון אַ רעיון
אין ליד, אין וואָרט, אין תּוכן — אַ וועלטעלע באַנײַען —
דער זייגער קלאַפּט חצות און שפּעט איז שוין די שעה,
זעקס בעטלערס בײַ מײַן טיש — דער זיבעטער ניטאָ.

זעקס בעטלערס און אַ דיכטער, שבת, אינדערוואָכן
זוכן בײַ דעם זיבעטן אַ ביסעלע בטחון.
די נאַכט אַרויס אין וואַנדער, ווידער נע-ונד,
אין דרויסן פֿינקלען שוין די טראָפּנס אויף אַ בלאַט.
אין לאָדן קלאַפּן אָן זשמעניעס פֿרייד און טרויער,
סחורות אויף ירידן, דער פּויער און דער בויער,
צוריק צו טעג פֿון תּפֿילה, צו פּראַצע און צו יאָכן,

אײַנגעקורטשעט, װײַזק ליגט דער אינדערוואָכן —
דער זיבעטער ניטאָ — איך קען אים ניט געפֿינען,
וואַלגערט זיך אויף מאַרקן דאָס ליכט פֿון דעם באַגינען,
פֿאַלן ווײַטער שטערן, צינדן זיך שטורקאַצן,
דער זיבעטער ניטאָ, — אויף גאַסן די פּאַיאַצן...
דער זיבעטער ניטאָ, איך האָב אים ניט געפֿונען,
ווער-זשע וועט צינדן אויף הימלען אַלע זונען ?
די נאַכט דערציילט מיר פֿון גורל און פֿון גרויל,
דער דרויסן שטייט פֿאַרזיגלט מיט אומרו און מיט קויל.
דער זיבעטער ניטאָ. —

איז אפֿשר דו אַליין
אין נזר פֿון דער בריאה די עטרה און די קרוין ;
אפֿשר דו אַליין — דער באַרג און אויך דער טאָל
די שטילקייט פֿון באַגין, דער צער אין יאָמערטאָל ;
אפֿשר דו אַליין דער קץ, דער סוד פֿון וועלט,
אַ דיכטער אין זײַן אַלקער — אַלס בעטלער זיך פֿאַרשטעלט ;
און אפֿשר דו אַליין קענסט דעם טאָג דעריאָגן
און אָנזאָגן די בשׂורה פֿון ליכטיקע פֿאַרטאָגן ;
צעקלינגען אַלע גלאָקן אַז ערלעכקייט און מי
וועט אַראָפּברענגען דעם זיבעטן אין העלן מאָרגנפֿרי ;
אַז ערלעכקייט און ליכט און יושר אין דעם ברויט
וועט אָנצינדן אַ פֿלאַם אין יתומדיקן קנויט.
נעם צונויף די בעטלערס מיט ניגון אויפֿן גומען,
עפֿן אויף דײַן טיר, דער זיבעטער וועט קומען —
דו אַליין דער זיבעטער — דו ליכט פֿון אַלע ליכטער,
אָ, בעטלער האַרציקער, עטרה, קרוין און דיכטער.

אויף די וויעס פון מיין דור

אויף די וויִעס פֿון מײַן דור
אַ טרער.
אַ דורכזיכטיקע. קענסט יעדן טראָפּן
אויסקושן מיט אויג און מוזיק-געהער.
קענסט אויסלעקן דאָס זאַלץ
און בלײַבן ווערט נאָך אַלץ
אַ טרער.

אויף די וויִעס פֿון מײַן דור
אַ ציטער.
דין-דין, ווי אַן אָנגעשאַרפֿטער חלף.
קענסט אים אָנטאַפּן אין ווירבל, אין געוויטער.
איך ווייס, דו ביזט אויף אַלע וועגן
זײַן באַהיטער.
קוש אויס די שטילע פֿאַרנאַכטן
דעם יחוסדיקן ציטער.

אויף די וויִעס פֿון מײַן דור
אַ פֿינקל.
ווי אַ תּכלת-פֿאָדים אין אַן אָפּגעניצטער קאַפּאָטע.
אין טיפֿקייטן פֿון אויג אַרײַן, געפֿונען דאָרט
אַ ווינקל.
דער זקן אויף די וועגן פֿון די גריבער
בירושה אָפּגעשריבן דעם פֿינקל
אַ מינדעריעריקן, —
אַ יינגל.
היט אויס, דו יינגל-צינגל-כוואַט
דעם תּכלת-פֿאָדים
פֿון דעם פֿינקל.

אויף די ווי̇עס פֿון מײַן דור
אַ צאַפּל.
אַן אומרווי̇קער. נאָר דאָס גרויע האַרץ
איז זיך מיט אים מטפל.
אָט אַרויף. אָט אַראָפּ. ווי אין פֿיבערדיקן לויף
אויף יעקבס לייטער: שטאַפּל נאָך אַ שטאַפּל.
אין שוואַרצאַפּל
פֿון אויג, פֿאַררוקט, באַהאַלטן ליגט
דער צאַפּל.
ייִנגל, פֿאַרהיט אויף בית-עלמינדיקע וועגן
דעם אומרווי̇קן צאַפּל.

אויף די ווי̇עס פֿון מײַן דור
אַ טרער.
אַ ציטער.
אַ פֿינקל
און אַ צאַפּל.
אַ דיכטער מיט זײַן יידיש לשון
איז זיך מיט זיי מטפל.

קיינמאָל איז די מוזע ניט פֿאַריתומט

קיינמאָל איז די מוזע ניט פֿאַריתומט.
פֿולע ברונעמער מיט וואַסערן.
קיינער וועט ניט אַסרן
אָנטרינקען די מוזעס פֿון די וואַסערן.
אַ מאָל — אַ מענטש,
אַ מאָל — אַ גאָט,
אַ מאָל — אַ צוויַיגל פֿון אַ בוים,
אַ מאָל אָט סתם
געבאָט
וואָס דינט דעם מענטש און גאָט
אויף ערד און ים.

קיינמאָל איז די מוזע ניט פֿאַריתומט.
זומער שפּילט זי זיך מיט שמעטערלינגען,
ווינטער — מיט די שנייען.
אין אָסיען-צייַט — אויף אַלע ביימער פֿייגל זינגען
אַ געזאַנג פֿון בענקשאַפֿט און פֿון ווייען,
אין פֿרילינג — אַזויפֿיל פֿרייד. אַזויפֿיל אמת.
אַזויפֿיל טעמעס.

קיינמאָל איז די מוזע ניט פֿאַריתומט.
כ'האָב אַליין געזען זי טרינקען פֿון אומעטיקע קוואַלן.
כ'האָב געזען זי שלינגען פֿרילינגדיקע שטראַלן.
זי קומט אַריַין אין טורמעס, אין חושכדיקע קעלערס,
אין אָרעמע פֿאַרשטיקטע כאַטעס,
אין פּאַלאַצן
און לייגט זיך אויס אויף אויסגעלעקטע טעלערס
און קריכט אַריַין אין לאַטעס,

נעכטיקט איבער אין די מײַלער פֿון פּאַיאַצן,
אין פּאַרטראַכטע אויגן פֿון פֿילאָזאָפֿן —
ווו דו גיסט זיך נאָר אַ קער,
עטעמען מיט גראַמען אירע סטראָפֿן —
מיט אַ שמייכל און אַ טרער.

קיינמאָל איז די מוזע ניט פֿאַריתומט.
פֿאַרליבטע טראָגן זי אין האַרץ אַרום.
מאַמעס קושן אויס די גראַמען.
אַ פֿאַרבענקטער אָוונט שטייט פֿאַרתּפֿילה'ט פֿרום,
ווי אַ נזיר קניט ער צופֿוסנס פֿון די שטאַמען,
אַ בוים פֿאַרדמיונט, פֿאַרכלינעט זיך מיט ניגון,
ווײַל די מוזע איז קיינמאָל ניט פֿאַריתומט
אויך ווען אירע כּלים ליגן
שבֿורע אין רינעס.

קיינמאָל איז די מוזע ניט פֿאַריתומט.
אַלע זענען אירע דינער און משרתים.
די גלויביקע און אַלע די וואָס גלויבן,
אַז זיי זענען אַפּיקורסים.
אַ שמייכל פֿון אַ קינד, אַ טרער פֿון מידע זקנים,
דער גרויסער ציבור וואָס איז מיט אַלעמען
אינאיינעם
און טראָגט פֿאַר זיך אַליין
אַ קליין יחידישן געוויין.
אַלע הימלען און די מאַמע־ערד
וואָס האָט פֿון קיִנס צײַטן
דעם לעצטן כאָרכל פֿון די העלדזער פֿון מעסערשאַרף געהערט;
אַלץ וואָס לעבן הייסט,
אַלץ וואָס טראָגט דעם טויט,

און דאָס וואָס רופֿט זיך חסד, און גענאָד, און טרייסט.
דער אומרו וואָס באַגלייט
די פֿיר און צוואַנציק שעה —
אַלץ זאָגט אָן:
כ'בין דאָ. כ'בין דאָ
אין די ברייטע פֿאָלעס פֿון דער מוזע,
די פּרינצעסין פֿון אַלע פֿריילעכע און אומעטיקע מענטשן.

קיינמאָל איז די מוזע ניט פֿאַריתומט.
זי גייט מיט אונדז געאָרעמט איבער ברוקן.
איבער גאַסן.
גיט אונדז אויגן אויף צו זען און קוקן
און אַ האַרץ צו פֿילן.
גיט אונדז ליבע און אַ גרויסע דאָזע גאַל
צו האַסן.
זי קען פֿאַרשלעפֿערן און שטילן —
און פּלוצלינג אויפֿהענגען אויף דעכער אַלע פֿאָנען
פֿון באַרויבטע מאַסן.
אין אירע פֿאַלדן ליגן ווי די קאַרליקלעך
קאַפּריזן
פֿון די ריזן,
קומט זי מיט איר דינאַמיט און רייסט אויף מיט שטורעם
צוגעמאַכטע שלעסער,
און עס קראַכן די, וועלכע רייסן זיך צו טורעמס
מיט די מעסערס —
און אַ מאָל ווי אַ קינד, מילד און רויִק, שטיל
וואַרפֿט זי צו אַ חלום
מיט געפֿיל
ווייל קיינמאָל איז די מוזע ניט פֿאַריתומט.

אָ, גאָט, מײַן גאָט, אויב פֿרי
איז מיר באַשערט מײַן לעצט וואָרט צו פֿאַרשרײַבן
זאָל אויף אירע קני
מײַנס אַ צאַפּל בלײַבן.

אַ ליד ווערט געבוירן אַזוי

אַ ליד ווערט געבוירן אַזוי:
אַפֿריער קומט אַ טראָפּן פֿרייד,
דערנאָך אַ שניירל וויי,
שטילקייט קלאַפּט אין לאָדן אָן, —
קומט אַרײַן געשריי,
רײַסט אַרײַן זיך דורכן פֿענצטער
אַ ברעקל פֿון אַ שײַן,
ברענגט דער וואַסערטרעגער
אַ פֿעסעלע מיט פּײַן,
קומט דער ווינט אַרײַן
מיט ברומעניש, געדריי,
ברענגט ער מיט אַ פֿויער
מיט קערנער צום פּאַרזיי, —
איז אָט אַזוי
געבוירן ווערט אַ ליד.

אַ ליד ווערט געבוירן אַזוי:
גיי און גיי און גיי
צו אַ שטילן קוואַל.
שעפּ מיט דײַנע ליפּן
האַרציקייט פֿון שטראַל,
גלײַך זיפּן און פּאַרזיפּן
אַ ביסל סם און גאַל,
פּאַרקנעטן מיט אַ מעסטל גלויבן
(ס'זאָל פֿונאַנדערפֿאַל
דעם וואַסערפֿאַל
פֿון שטראַל
ניט שטיקן און פּאַרטויבן),

צום סוף אַ פֿאָרציע זון. —
דערפֿון
געבוירן ווערט אַ ליד.

אַ ליד ווערט געבוירן אַזוי:
שטיי און שטיי
מיט בענקעניש אין אויגן
נאָך אַ רעגנבויגן.
מיט האַרץ און טיפֿן גלויבן
צו ווײַסע מאָרגן-טויבן.
זע אַלץ און אַלעמען באַזונדער.
אויב די נאַכט ווערט צו דעם נס און וווּנדער
פֿון אַלע ליכט-קאָלירן
ברענגען אירע שוואַרצע שפּיגלען
מיט אַ שוואַרצן חלום אויף די פֿליגלען
און אָנטרינקען דײַן טאָג
מיט קלאָג, און דײַן געהער מיט טרער,
קענעט אויס פֿון ליכט און טשאַטעס קראָען
דאָס ליד פֿון דײַנע דנאָען.

ווען דאָס ליד איז אויף דער וועלט אַרויס
קוש אויס
די אותיות און די גראַמען
ווי עס קושט אַ זון זײַן הייס-געליבטער מאַמען.

אַ פּאָדעם אין נאָדל פון דורות

איך בין נאָר אַ פּאָדעם
אין נאָדל פון דורות,
אַ שטעפּ אין די בגדים
אין פאַלעס פון מורא׳ס.

איך בין נאָר אַ וואָלקן פאַרוואַנדלט
אין רעגן,
אַ כּופר וואָס האַנדלט
מיט תשובות און פרעגן.

איך בין נאָר אַ פונק אין די פלאַמען
פון וואַלד.
אַ קרעכץ פון מײַן מאַמען:
געוואַלד.

איך בין נאָר אַ רגע אין אומרו פון צײַט,
אין שטורעם — אַ טויקער טראָפן.
שרײַט אין מיר וואָרט: פאַרבלײַב און פאַרבלײַב
מיט ליד און מיט ניגון צוקאָפן.

קיין משרת און באַדינער

קיין משרת און באַדינער
פֿון מײַן טאָג דעם האָרבעוואַטן.
בײַ דעם שפּינראָד ווי אַ שפּינער.
ווי אַ יאַט צווישן יאַטן.

קיין משרת און באַדינער
בײַ די לידער און פּאָעמעס.
אַ פֿאַרלירער. אַ געווינער.
אַ טעמע צווישן טעמעס.

קיין משרת און באַדינער,
בײַ דעם יאָ און בײַ דעם ניין.
אַ לאָנקע און אַ בוים אַ גרינער.
אַ שומר פֿון אַ זשמעניע חן.

קיין משרת און באַדינער
פֿון אגדה צי הלכה.
כ'שווייס אַ צינור צו אַ צינור
ווי אַ תם — אַ בעל מלאכה.

קיין משרת און באַדינער
בײַ די בערג און בײַ תהומען.
ס'ווערט מײַן גאַווה ניט געמינערט
אויב איך היט ניט אויס מײַן נאָמען.

קיין משרת און באַדינער
בײַ די הייליקע געבאָטן.
לאָז מיך זײַן אַ גוטער שפּינער.
זאָל מײַן ליד הײַנט זײַן געראָטן.

דו

קיינער דערציילט ניט אויף היסטאָריע־בלעטער
דייַן חלום.
די וועלט האָט זיך איינגערעדט:
כ'קען מיט אים און איך קען אָן אים.
די זון קומט און פאַרגייט.
דער ים טרייַבט זייַנע כוואַליעס אין אומענדלעכע ווייַטן.
דאָס לעבן און דער טויט
בייַטן זיך אין פרייַלעכע און אין אומעטיקע צייַטן.
אויף דייַן חלום
הענגען מוראַשקעס און רייַטן.

קיינער דערציילט ניט אויף היסטאָריע־בלעטער
פון דייַן אָרעמען כאַלאַט.
אַלע מלחמות. אַלע העלדן. אַלע בלוטן און די געטער —
פאַרזייט מיט זיי איז בלאַט נאָך בלאַט.
נאָר דייַן אָרעמען לבוש
גייען זיי פאַרביי.
ניט קיין גלעט און ניט קיין קוש.
פרייַ,
ווי אַ פערד אין סטעפ לויפן דאָרט אַרום:
אַ קרעציקער. אַ הינקעדיקער. אַ בעל־מום.
אויף דייַן חלום הענגען מוראַשקעס און רייַטן.

קיינער פאַרשרייַבט ניט אויף היסטאָריע־בלעטער
דייַנע מעלות.
דייַן פרעגן: מה למעלה, מה למטה.
אין אַ קאָרב, לעם אַ ווייסטער, חורבה'דיקער כאַטע
באַגראָבן ליגן דאָרטן אַלע דייַנע שאלות.

דער היסטאָריקער האָט אויסגעמעקט דיַין צאַפּל.
דו שטערסט זיַין לאָגיק. דו ביסט דער שׂונא פֿון זיַין רעיון.
ער איז זיך נאָר מטפּל
מיט דער ליבשאַפֿט פֿון דעם ברודער קין.
אויף דיַין חלום העגנען מוראַשקעס און ריַיטן.

און ווייסן וויסן ניט די לצים, די פּאַיאַצן,
אַז די וואָס טריַיבן מערדער פֿון פּאַלאַצן,
די וואָס רוקן איבער בערג און גראָבן נײַע טיַיכן,
די וואָס לייגן אונטער דינאַמיט און לאַכן אויס דעם ריַיכן,
די וואָס קאָרטשען אויס די וועלדער און פֿאַרזייען נײַע
שטורעמס
וועלכע העגנען אויף חלומות אויף די כאַטקעס, אויף די
טורעמס,
וועלכע טריַיבן אַלע שיפֿן ווי הערקולעס-מאָטאָרן,
וועלכע שריַיבן אויף פֿאַר דורות לזכרון:
מיט פּשט און רמז, דרש און סוד,
מיט פֿויסט, געבראַזג, מיט חסד און גענאָד:
דאָס וואָרט פֿון אַלע ווערטער, דעם סוד פֿון אַלע סודות
(אַלע בלעטער פֿון היסטאָריע זענען דיַינע עדות) —
איז: דו, נאָר דו, מיט דיַין אָרעמען כאַלאַט אויף די עקדות.

נעם

נעם דײַן טאָרבע
און דײַן זעקל,
מיט אַ ברכה
ברויט צעברעקל,
ניגון אויף דײַן טאָג
צעגלעקלט
גיי אַוועק צו זון און טאָג.

נעם דײַן אָנהייב,
אויג אויף סוף,
נעם דײַן גראַם,
פּאַק אײַן דײַן סטראָף,
ווי אַ פּאַסטעך
נאָך זײַן שאָף
גיי אַוועק צו זון און טאָג.

נעם די ווײַסקייט
פֿון דײַן מעל,
און די פֿרײַנדשאַפֿט
פֿון דײַן שוועל,
רײַס אָפּ אַ שטערן
אַ צעהעלטן
גיי אַוועק צו זון און טאָג.

נעם דײַן ליכט
און לאַמטערן
פּאַק אײַן דײַן פֿרייד
און אַלע טרערן,

פֿאַרבעט חלומות
און באַגערן
גיי אַוועק צו זון און טאָג.

נעם דייַן העמד,
דייַן פֿרייַנד — דעם שטעקן,
הילכיק שרייַ
אויף אַלע עקן,
פֿאַרטרייַבט פֿון אייַער טיש
די שרעקן
גיי אַוועק צו זון און טאָג.

זינגען און זינגען

זינגען און זינגען
טאָג איַין און טאָג אויס.
פֿון שלווה. פֿון שטילקייט.
פֿון רויש און געברויז.

פֿון ערד און פֿון הימל.
פֿון חלל און רוים.
פֿון אײנזאַמע צוויַיגן
אויף אַ ליכטיקן בוים.

זינגען און זינגען
בייַטאָג און בייַנאַכט
פֿון קינד און פֿון פֿרוי
פֿון ליכט און פֿון פּראַכט.

פֿון האַמער. קאָוואַדלע.
פֿון פּויערשער זריעה,
פֿון מענטש און פֿון גאָט.
פֿון וויסן. ידיעה.

אַ טאָג אויף דער וועלט
אַ שירה, אַ ליד, —
ווי אַ כלי־זמר אַ פֿידל
אויף יידיש־יאַריד.

אַ טאָג אויף דער וועלט
אַ חלום אויף וואָר, —
ווי אַ וואָלקן פֿאַרדעקט
דעם רויטן קאַיאָר.

זינגען און זינגען
פֿון היים און געצעלט,
פֿון פֿייגל וואָס פֿליִען
אַריבער די וועלט.

און קומען צוריק
צו דייַן היימישער שוועל,
ווי צוויי ווייַסע טויבן
פֿון שניי און פֿון מעל.

זינגען און זינגען
פֿון זון און פֿון שטראַל
פֿון ברונעמער טיפֿע
און ריינקייט פֿון קוואַל.

פֿון אַלץ וואָס עס זשומעט
אין האַרץ און געמיט,
פֿון סערפּ און פֿון קאָסע
און זוניקן שניט.

פֿון ווינטן און שטורעמס
בייַנאַכט און בייַטאָג,
מיט פֿערז און מיט ריטם,
מיט מאָס און מיט וואָג.

זינג, קינד פֿון דער מוזע,
בינד לידער אין גאַרבן,
פֿאַרשרייַב אויף די טאָוולען
דאָס ליד פֿון די פֿאַרבן.

פֿון שקיעות וואָס טובלען
די שטראַלן אין ימען,
פֿון ליפּן אין תּפֿילות
פֿון האַרציקע מאַמעס.

זינגען און זינגען
ווען שיכּור, ווען ניכטער,
דאָס ליד פֿון באַגין
אין אויג פֿון אַ דיכטער.

זינג, קינד פֿון די מוזעס,
זינג, ילד מפֿונק,
פֿון קוואַליקע טיפֿן
ליכטיק און זוניק.

פּאָרטרעט

קיינער — און צווישן זיי דער מײַסטער —
ווייס ניט ווער ער איז.
אַ יחיד
מיט ליד און שאַרפֿן שפּיז.
שלײַדערט שטיינער אין די שוי-פֿענצטער פֿון אַלע גײַסטער.
אַ קאַרליק און אַ ריז.
אין די בלוטן אַלע מורא'ס
פֿון זײַן דור.
אין זײַן אמונה וויינט דער אפּיקורס.

אַמאָל: אַ טראָפּן טל
אויף גראָזן. קומט אָן אַ גרויסער טאָג
רופֿט ער אים צום כּלל.
וויל דער מתבודד זײַנע היילן ניט פֿאַרלאָזן.
די קאַפּעליע קומט מיט זומערדיקע פֿידלען
פֿאַרהאַקט ער טיר און לאָדן
און די לידער זײַנע זידלען
אַלע גראַמען אין די שורות.
ביז עס רײַסט זיך דורך אַ שטראַל,
קומען שאלות אָן און פֿרעגן:
ווער ביסטו, זידלער, ווער?
אַ טײַך אַן אויסגעטריקנטער, צי קוואַל?

קיינער — און צווישן זיי דער מײַסטער
ווייס ניט ווער ער איז.
אַמאָל: אַ גרוי שטיקל קאָרע
פֿון אַ בוים, וואָס האָט געהאַט אַמאָל אַ שורש.

דער אל-מלא-רחמים פֿון אַזכּרה
וואָס זוכט דעם יורש.
וואַקסט אַריַין זיַין וואָרט אין אַ היַינט
אַן אַשיקן, פֿאַרברענטן.
גלייבט ער זיַינע פֿריַינד
אַז דער מאָרגן וועט באַצאָלן מיט אַפּלאָדיסמענטן.

אָט זע: ווי דיק איז
היַינט דאָס איַיז אויפֿן שמאָלן טיַיך.
מיט מתיקות
שפּילט דער פֿידלער שפּעדיק און ריַיך.
וויל ער מיטן פֿידלערס ניגון דאָס דיקע איַיז אַריבער.
קומט אַ שאָטן אָן און וואָרנט:
ניטע, ליבער.
אין די טיפֿן וואַרטן גריבער.
די סכּנה ריַיך איז
מיט טויזנטער קאָלירן.
זי האָט צו דיר אַ שיַיכות
פּרוּוו — און וועסט דערשפּירן.

קיינער קען דעם וועג פֿון מיַיסטער.
ניט זיַין אָנקום, זיַין פֿאַרגיין.
ס'קען זיַין פּיצל לעבן ניט פֿאַרשטיין
דעם סך-הכּל פֿון די ציַיטן.
אָט ביַיטן
זיך די טענער און קאָלירן אין אַלע זיַינע פּאָנען
פֿון יחידים
און מיליאָנען.
אָט קומט אָן דער פּאַיאַץ אויף ירידן,
אָט דער פּרינץ פֿון אינטעלעקט —

און אַלע ווילן זיי באַטאָנען:
אין דעם פּלאַטער פֿון די פּאָנען
ליגט פֿאַרשטעקט
אָן ספֿק און אָן וואַקל
דער סך-הכּל
פֿון זײַן פּיצל לעבן.
האַלט אַזוי די צײַט זײַן שם
אין פּענט, אין קלעם.

ווּהין-זשע גייט דער מײַסטער
מיט זײַן האַרץ און מיט זכּרון?
אפֿשר וועט דער שוואַרצער אָרון
אויפֿדעקן דעם סוד
פֿון זײַנע יאָרן.
אפֿשר וועלן זײַנע שעהען
קלאָר ווערן אין פּחד פֿון וואַנגאָכישן שגעון.
אפֿשר וועט אַ מאָל זײַן ווייניקייט
דערזען זײַן אייגן פּנים
אין אַ קלייניקייט,
אין אַ זאַמדעלע,
וואָס אויך דער גרויסער אָקעאַן קאָן ניט לעבן
אָן אים.

קיינער האָט דעם מײַסטערס גאַנג נאָך ניט פֿאַרשריבן.
ס'האָבן נאָר זיך אויפֿגעקליבן
אַלע קערנער אויף די פֿעלדער.
מיט זיי דער פּויער און זײַן זריעה
און האָבן אים געזאָגט אַזוי:
דײַן זכיה
ליגט אין ליד. אין דײַן פֿרייד און אין דײַן וויי.

דו ביסט אַ קערנדל אין טיפֿן.
אַ רואה ואינו נראה.
אונטער טיף פֿאַרשנייטע ברוזדעס
ליגט דײַן שירה.
היט אויס דײַן קערנדל פֿון אַלדאָס בייז.

אַלע קוקן נאָך דעם מײַסטערס גאַנג.
הייבט נאָר אָן דער מאָרגנשטערן טאָגן
זעט ער ווי עס טראָגן
אין דעם ליכטיקן פֿרימאָרגן
אַלע בערג און אַלע טאָלן
אַלע זײַנע קלעמענישן. אַלע זײַנע זאָרגן.
אין אַלע טײַכן ליגט פֿאַרשטאָכן
זײַן יום-טובדיקער אינדערוואָכן.
אַלע חוה׳ס
זינגען מיט אים זמירות פֿון זײַן שבת.
אַלע וועלט קאָלירן
ווילן אים צו אייביקייט דערפֿירן.
יעדער לץ און נביא
דאגה׳ט פֿאַר זײַן כּבוד.
אַלע זאַטע און אַסקעטן
טראָגן ציגל, ליים,
ער זאָל קאָנען מײַסטערן און קנעטן
קלאָרע ווערטער און סימבאָלן אין געהיים.
וואָלקנס, דונערן און בליצן
ברענגען רעגנס
צו באַשיצן
זײַנע לאָנקעס,
און ער, דער האַר פֿון אַלע האַרן,
נעמט אַרויף זײַן צאַפּל אויף די זונען
אויסהיטן פֿון דאָזיקע געפֿאַרן.

אַלע קוקן נאָך דעם מײַסטערס גאַנג.
הײַנט האָט אים פֿײַערלעך באַגריסט
פּאַיאַץ און ערנסטער אַרטיסט
פֿון אָפּערע. טעאַטער.
אַסקעט און זאַטער
האָבן שטיל, באַשיידן
אויסגעטײַטשט זײַן שטאַמלענדיק ריידן
(ביידע האָבן אים פֿאַרבעטן אין גן-עדן)
האָט ער זײַן טיר פֿאַרריגלט.
אין די שוואַרצאַפּלען אַ שורה נאָך אַ שורה
טיף פֿאַרזיגלט
און קעגן שפּיגל
איז געשטאַנען דער, וואָס קיינער ווייס ניט ווער ער איז.

יעמוד. יבוא ויעלה.
עס ווילן דיך דערקענען אַלע
נאָר קיינער קען דעם וועג פֿון מײַסטער ניט פֿאַרשטיין.
אויך ער אַליין.

אַ ליד

פֿון אַלע געשרייען האָב איך אויסגעקליבן דאָס שווייגן.
פֿון אַלע וועלדער —
צוויי-דרײַ צווײַגן,
פֿון זיי געבויט מײַן שאָטנדיק ביידל.

פֿון אַלע שטערן האָב איך אויסגעקליבן דײַנע אויגן,
ווי אַ סנה ברענען זיי, ווי אַ סנה. —
איך זע.

פֿון אַלע שטורעמס האָב איך אויסגעקליבן צוויי-דרײַ וואָלקנדלעך
און אַ רעגנדל דערצו.
פֿון זיי האָב איך אויפֿגעשטעלט אַ שינדל-דאַך
פֿאַר אַ ביסל רו.

פֿון אַלע בשׂמים אויף דער וועלט האָב איך אויסגעקליבן
צוויי-דרײַ בלומען,
און פֿון אַלע זיסקייטן — אַ ביסל האָניק
אויף מײַן גומען.

פֿון אַלע פֿרײַנד האָב איך אויסגעקליבן — אַ קינד
מיט אַ הערצעלע וואָס צאַפּלט זיך אין זון.
און אַ ווינט
וואָס גייט אַרום איבער די חלומות פֿון מײַן היים
און רוימט מיר אײַן אַ סוד:
די וועלט איז ליים
און זינקען זינקען דײַנע פֿיס טיף
און דײַן ליד — פֿון אַ קאַפּיטאַן
אויף אַ זינקענדיקער שיף.

פֿון אַלע פּאָעמעס האָב איך אויסגעקליבן
אַ פּינטעלע. אַ קאָמע.
אין זיי האָב איך אַרײַנגעבלאָזן, ווי אין האָרן,
אַ שטיקעלע נשמה.
גאָט מײַנער, לאָמיך אויסקלײַבן אויף דײַן צעקנייטשטן קאָסמאָס
וואָס איך וויל.
מײַן אחריות אין דער בחירה שטעקט אין פּינטעלע.
אין געפֿיל.

ווען איז שבת?

עס פֿעלט מיר אויס אַ טאָג,
אַ וואָכעדיקער טאָג
צו שבת.
עס פֿעלט אַ קערנדל צו וואָג.
אַן אות —
מײַן זאָג
זאָל גאַנץ זײַן אָן פֿאַרדראָס.

עס פֿעלט מיר אויס אַ טאָג,
אַ וואָכעדיקער טאָג
צו שבת-קודש.
פֿאַרלאָרן אים אויף אַ ראָג
פֿון אַ רוישנדיקער גאַס.
אַכזריותדיק און שדיש,
ווי אַ מכשפֿה אַ מרשעת
איז ער אַנטרונען צו וואָכעדיקן האַס.

עס פֿעלט מיר אויס אַ טאָג,
אַ וואָכעדיקער טאָג
צו מײַן יום-טובדיקן ציטער.
אַלץ וואָס איך פֿאַרמאָג,
דאָס ביסל חן
פֿון שמייכל און פֿון קלאָג
איז אַוועק מיט אימה אין געוויטער.
געבליבן נאָר — אָפּזוכן דעם טאָג וואָס פֿעלט
צו שבתדיקן ניגון
אויף ברייטע שליאַכן פֿון דער וועלט.

אָ, ליד.
אין אַלע דײַנע שורות
אַ בענקעניש.
אויף אַלע פּויקן און באַנדורעס
יאָג איך נאָך דײַן אָטעם.
ער פֿעלט מיר אויס
צו מײַן שבת־קודש.

דאָרט ווּ עס ענדיקן זיך שלאַכטן

דאָרט, ווּ עס ענדיקט זיך די שלאַכט,
וויינען מאַמעס.
דאָרט ענדיקט זיך דער טאָג
און ווי אַ קראָ אויף פגרים פֿאַלט אָן די נאַכט.

דער מת פֿאַרלאַנגט פֿון קיינעם קיין מעדאַלן.
די מאַמע
זיצט פֿאַרטרערט און פֿרעגט:
זאָג מיר, גענעראַל, פֿאַר וואָס איז דאָ מײַן זון געפֿאַלן?

דער מת איז טויב און הערט ניט קיין הספדים.
דער טאַטע נאָר
ברומט מיט געוואָי פֿון ווינט:
אַ וועלט מיט יאַשטשערקעס און שדים.

דער מת איז בלינד. ער זעט ניט מער זײַן טרוים.
טרוקן שטייט דער קוואַל.
וויינען אַלע שקיעות.
געבליבן נאָר אויף כוואַליעלעד אַ שוים.

דאָרט, ווּ עס ענדיקן זיך שלאַכטן,
קלאַפּן מאַמעס מיט די קעפּ
אין וואַנט, ווי קוילן-גרעבער געפֿאַנגענע
אין טיפֿעניש פֿון שאַכטן.

אַ טרער

א.

גייט אַ מאָל אַרויס אַ לעבן פֿון די ברעגן,
ווי אַ טײַך וואָס רײַסט אַדורך די צאַמען.
גייט אַ מאָל אַ ליד אַרויס פֿון ברעגן,
וואַקסט אַרײַן אַ שורה אין די שטאַמען.

גייט אַ מאָל אַ נאַכט אַרויס פֿון אַלע ברעגן,
פֿליִען אָן אויף דעכער טשאַטעס קראָען.
גייט אַ מאָל אַ טאָג אַרויס פֿון אַלע ברעגן
טוֹבלען זיך אין זון די רגע׳ס און די שעהען.

נאָר גייט אַ מאָל אַ טרער אַרויס פֿון ברעגן,
ווערט דײַן האַרץ פֿאַרטראָגן אין דער ווײַט.
גייט אַרײַן צוריק דײַן לעבן אין די ברעגן
ווי עס גייט אַרײַן די אייביקייט אין צײַט.

ב.

קענסט בויען דײַן וואָרט, ווי אַרכיטעקטן בויען הײַזער.
מיט פּלאַן. מיט מחשבה. מיט פּיטאַגאָרישער חכמה פֿון ציפֿער.
קענסט בויען דײַן וואָרט — ווי עס בויט דײַנע שעהען דער ווײַזער,
וואָס מוז אין זײַן וועג צו דעם נצח די רגע אַריבער.

קענסט פֿלאַנצן דײַן ליד, ווי אַ גערטנער די בלומען אין זוניקן גאָרטן,
ווי אַ פּויער אין פֿעלד צעשיט זײַנע קערנער אין ליכטיקער ליניע.

קענסט בויען דײַן ליד מיט אימאַזשן, חלומות פֿון אַלערלײַ
סאָרטן
און אַרײַנשטעלן פֿענצטער און טירן אין געענדיקטן בנין.

צו מיר איז דער דמיון געקומען מיט פֿאַרשפּיצטן געהער:
אויב דו ווילסט אַז דײַן וואָרט זאָל דײַן האַרצקלאַפּ
דערגרײַכן,
בוי עס אַזוי, ווי עס בויען די אויגן אַ טרער,
וואָס וואַרפֿט זיך אַרײַן אין אַ וואַסערפֿאַל וואָס שטראָמט
פֿון די הייכן.

ג.

דער מקור פֿון אַלע לידער איז אַ טרער.
אַפֿילו אין די פֿריידן ליגט זי אײַנגעשלאָסן.
זי שטעקט אין ליפּ. אין האַרץ. אין מוזיקאַלישן געהער.
די יריחו־מויערן האָט זי קיינמאָל ניט פֿאַרלאָזן.

פֿון אַלע נביאים און חכמים ווייסט זי מער.
העכער איבער העכער אַלע מוקדאַנס און נאַפּאָלעאָנען.
ווען זי קומט אַרײַן און שטעלט זיך פֿאַר: אַ טרער!
ווערן קליין און נישטיק פּאַלאַצן און מיליאָנען.

ווי עס כאַפּט זיך אויף פֿון שלאָף אַ ווינטערדיקער בער,
און טרעט מיט זײַנע לאַפּעס אויפֿן ווײַסן שניי —
אַזוי טרעט אויף אַלע אייביקייטן אַ בלישטשענדיקע טרער,
איבער טעפּיכער געוועבט פֿון יתומדיקן וויי.

ד.

בײַם עץ־הדעת איז זי געלעגן און געאָטעמט שווער.
דער שלאַנג האָט זײַן נקמה געקומען מאָנען.

אין חוה׳ס און אין אָדמס הויז איז אַרײַן די טרער
דעם גן-עדנדיקן חטא פֿון עץ-הדעת דערמאָנען.

צופֿוסנס פֿון דעם בוים: ויהי ערב ויהי בקר,
געלעגן זענען אייביקייטן אָנגעטרונקענע מיט טרערן:
פֿון אַלע לידער זענען מיר דער מקור.
טרינק זיך אָן מיט אונדזער ווײַן, עס וועט דיר גרינגער ווערן.

בײַ נאַכט האָב איך דערזען: הימלען רעגענען מיט שטערן,
חוה׳ס זין מיט אומעטיקע לידער ריידן:
זענען אָנגעקומען אין די אויגן ימען טרערן,
איז אַרײַן צוריק דער מענטש אין מתיקות פֿון גן-עדן.

אַ פּרשה פון חומש

אַלע באַראַנעס אַנטלאָפֿן אין די ווײַטן.
מיטגענומען מיט זיך אויך דעם באַראַן
פֿון מײַן חומש
פֿון יענע אוראַלטע צײַטן.
די הערנער האָבן זיך ניט פֿאַרפּלאָנטערט
אין דעם וואַלד.
אפֿשר דערפֿאַר שרײַט אויף אַלע וועגן
אַ געשריי: געוואַלד.

אַלע באַראַנעס, אַזוי ווי פֿייגל, אַוועקגעפֿלויגן.
אפֿשר דערפֿאַר זענען נאַס אַזוי
די אויגן
פֿון די יידישע מאַמעס.
דער חלף איז פֿאַרבליבן מיט אָנגעשאַרפֿטן בליאַסק.
די חומש-העלדן נאַקעטע, אָן מאַסקעס.
דער מלאך איז אַוועק פֿון חומש
מיט אַלע זײַנע לאַסקעס.

געבליבן נאָר די מאַמע שׂרה.
פֿרעגט זי אַזעלכע מאָדנע שאלות:
וואָס איז געוואָרן פֿון יענער חומשדיקער פּרשה?
וווּ איז מײַן זון
פֿון פּינסק און מינסק
פֿון מאָסקווע און וואַרשע?
ווער האָט אויפֿגעפּלאָנטערט יענעם באַראַנס הערנער
און וווּ זענען אויף פֿעלדער די זאַנגען
פֿון מײַנע טיף-פֿאַרזייטע קערנער?

דער מלאך ענטפֿערט ניט.
ער אַליין פֿאַריתומט.
שרעקט ער זיך פֿאַר אַלע אָנגעשאַרפֿטע
קאָסעס.
ער האָט מורא טרעפֿן זיך מיט דער
מאַמע שׂרה.
ער אַליין — אַ בוים אָן וואָרצל און אָן צווייַגן
און אָן קאָרע.
זייַן קול האָבן ברוין און רויט פֿאַראומערט
און אויסגעלאָשן פֿרילינגען און זומערס.

דער מלאך ענטפֿערט ניט.
אויך דער וואָס האָט אים דאַן געשיקט
איז מיט זיך אַליין צעקריגט.
אויך ער קען שׂרהן אין די אויגן ניט קוקן.
ער האָט דאָך געשיקט די חיה
יצחקן פֿאַרצוקן.
ער האָט דאָך די פּרשה פֿון דעם חומש
אויסגעריסן,
אַלע וועלדער אויסגעהאַקט, דער באַראַן זאָל אַנטלויפֿן.
ווי קען הייַנט זייַן וואָרט, געוויסן
טרעפֿן זיך מיט שׂרהן,
אַז די האָלאָוועשקעס רויכערן אויף אַלע הויפֿן...

נאָר זי, די מאַמע שׂרה, זיצט אויף אַלע וועגן
און הערט ניט אויף אין דער חומשדיקער פּרשה נישטערן
און פֿרעגן:
ווּ דער נס פֿון דער עקדה?
ווּ דער זון און ווּ דער טאַטע
און ווּ דער אַלטער-אַלטער זיידע?

ווי דער וואַלד, און ווי דער בוים
און ווי די הערנער אינעם פלאָנטער.
קומט אַברהם צוגיין מיט טרערן.
מאָנט ער, מאָנט ער
דער שטר-חוב פֿון זײַנע שטערן:
ארבה ארבה את זרעך ככוכבי השמים...
אויף פֿרײַע וועגן גייט אַרום
דער מערדער קין.
מײַן יצחקל אויף פֿײַער פֿון עקדה׳ס.
וואָס מיט דײַן הבטחה, זאָג:
דער חומש איז מײַן עדות.

שווײַגן פֿעלדער. שווײַגן גראָזן.
פֿון יענער פרשה אַ געוואַלדיקער מהלך.
זיצט אַברהם און ס׳כליפּעט שׂרה,
וויינט מיט זיי דער מלאך.
קוקן זיך אַרויס פֿון מזרח
זאָגן אָן און שווערן:
ניט מיט מלאך, ניט מיט נס
מיר וועלן אָפּווישן די טרערן.
ארבה ארבה זרעך, מיר וועלן דײַנע קינדער מערן.

אַ צוויי פּנימדיקער

שטיינער און פֿייגל.
אַלץ וואָס פֿאַרוואַקסן איז אין ערד און פֿליגלען.
צוויי פּאָליוסן פֿון מײַן לעבן.
צוויי פּנימער אין שפּיגלען.

איינס — אַ פֿאַרגראָבענער אין ערד.
שווײַגט. נאָר דער ווינט קעמט אויס זײַן האַרץ.
קומט אָן אַ נאַכט, לייגט זיך איין קאָליר
אויף זײַן צעפּאַסעוועטן גוף: שוואַרץ.

צווייטס — דער דמיון צינדט זײַן פּען.
פֿליִען אין די הייכן ווערטער און סימבאָלן.
אויף לײַוונטן פֿון הימלען
חלומות און פֿאַנטאַזיעס טוט ער מאָלן.

אָ, צוויי פּנימדיקער דיכטער.
צווישן שטיין און פֿליגל דאַרפֿסטו הײַנט אויסקלײַבן:
אָדער מיט עקשנות אויף די וועגן,
אָדער מיט די פֿליגלען ווילסט פֿאַרבלײַבן.

סך־הכּל

אונטערצי̇ען דעם סך-הכּל:
ווּ אמונה, ווּ דער ספֿק?
פֿיס אין באָדן און דער וואַקל,
ווי אַ לעמפּערט אָדער שאָפּיק?

האַרבסט אין אַלקער אין געברום
זומער קריכט אויף דעם סופֿיט.
ווּ איז צאַם און ווּ איז תּחום
צווישן טריקעניש און שניט?

קומען ווינטן און זיי בלאָזן,
פֿולע, קײַלעכדיקע זונען.
ווער דעם ספֿק האָט פֿאַרלאָזן,
ווער אמונה האָט געפֿונען?

קריכט אין מיר אַרײַן די נאַכט.
קריכט אַרויף דער טאָג אויף שטאַפּלען.
ווער מײַן טיר האָט צוגעמאַכט,
ווער געעפֿנט מײַנע צאַפּלען?

קראַקען קראָען אויפֿן דאַך.
זינגען פֿייגל אויף די דראָטן.
זאָגט אַ פֿויגל: לאָז געמאַך,
ס'איז דאָס ליד דיר הײַנט געראָטן.

קומט אַרײַן אַן אַלטער זקן.
עפֿנט אויף אַ קינד מײַן טיר.
פֿאַר וואָס האָט זיך מײַן וואָרט דערשראָקן
און אַרײַן טיף אין מײַן שיר?

ספֿק, גלויבן אין מײַן קאָרב.
קריכן ביידע אויפֿן לייטער.
אַפּאָלאָ טראָגט מיט שטאָלץ זײַן האָרב,
מײַן איך איז דו און דו אַ צווייטער.

נעפּלען, נעפּלען אין די הייכן.
קלאָרקייט פֿאַלט אַרײַן אין צימער.
וויל מײַן אומרו הײַנט דערגרייכן
אי מײַן שאָטן, אי מײַן שימער.

אונטערציִען דעם סך-הכּל:
וווּ אמונה, וווּ איז צווייפֿל.
געצונדן כ׳האָב מיט זיי מײַן פֿאַקל,
אין ליד זיי ביידע כ׳האָב געפּפֿלט.

דער אלף־בית

שוין אויסגעלערנט דעם אלף-בית אויף אויסנווייניק:
אלף, בית, גימל.
ממש אַ באַשולטער.
אָפּגעציילט אַלע שטערן אויף מײַן הימל
און דאָך פֿאַרבליבן אַ קינד
לעם דער מולטער
וואָס קנעט און קנעט
און ווייסט ניט, אַז אויף די ווײַטע האָריזאָנטן
האָט זיך די נאַכט אַראָפּגעלאָזט.
שפּעט.

שוין אָפּגעציילט דעם אלף-בית אויף אויסנווייניק:
ד. ה. ו.
אין זײַן כּישוף אַ געפֿאַנגענער
אַ ליד אָנגעשריבן. צו זיך אַליין געמורמלט:
כּי טוב.
נאָר פֿאַר וואָס האָט הײַנט, ווי אַ פֿאָן,
אַ געהאַנגענער,
לעם מײַן פֿענצטער געוואָרפֿן זיך אַהין, אַהער
און איבערגעלאָזט אויף מײַן טיש
אַ טרער.

שוין אויסגעלערנט דעם אלף-בית אויף אויסנווייניק:
ז. ח. ט.
אויפֿגעקליבן אַלע אותיות אין מײַן לאָגל.
אין אַלע פֿיר און צוואַנציק שעה פֿון מײַן מעת-לעת
האָט געשימערט זייער חן
אויף מײַן אומעטיקן וואָגל.

נאָר פֿאַר וואָס האָט די טרער פֿון דעם געהאַנגענעם
צעיאָמערט זיך אין אימה און געוויין
און געלאָזט דעם דיכטער אין זײַן ליד
אַליין ?
און ווער וועט ציילן ווײַטער די אותיות פֿון מײַן אלף-בית
און אויסהיטן זײַן ניגון פֿון אַלדאָס בייז ?

שוין אויסגעלערנט דעם אלף-בית אויף אויסנווייניק :
י. כ. ל.
געגלייבט אַז אַלע גערטנער גרינען.
פֿריילעכע — די שניטער.
זענען טעג אַראָפּ פֿון זינען.
האָט זיך אַ לאָז געטאָן אַ לאַווע
און אויפֿן מדרש רבה
געבליבן איז אַ האָר פֿון אַ ווײַסער באָרד
און דער גבאי
איז אַוועק צו גאָט אים אָפּגעבן די שליסלען
פֿון דער שול.
איז פֿול
מײַן ליד מיט גליווערדיקן פחד.

קען איך מער מײַן אלף-בית ניט ציילן.
געבליבן שטיין אין מיטן.
ווער האָט מײַנע אותיות
פֿון עץ-החיים אָפּגעשניטן ?

דער וואָרצל

דער וואָרצל — פֿאַרגראָבן די הענט אין ווײַטע אין-סוֹפֿן.
וווּנדער איבער ווּנדער ווען אַ רעגן האָט אים אָנגעטרונקען,
זײַנע אויגן, ווי אַ האַרץ — געבליבן אָפֿן.

נישט ענג דעם וואָרצל אונטער גרודעס. ער וואַקסט אין
קינד אַרײַן.
זײַן בוים פֿאַרמאָגט די שענסטע צווײַגן. זײַן בוים איז
חלומדיקע וואָר,
זײַן בוים איז ליכט און שײַן.

רעדט דער וואָרצל אין פֿאַרנאַכטן:
כ׳בין קיינמאָל פֿון מײַן בוים נישט אַוועק. פֿון מײַן צווײַג
זיך קיינמאָל ניט געזעגנט.
פֿון אַלע שטורעמס אויסגעהיט זײַן כּשופֿדיקן צויבער.
זײַן קרוין.
אָנגעטרונקען אַלע גלידער ווען ס׳האָט גערעגנט.

מיט פֿאַרליבטע ליפּן אויסגעקושט די קאָרע נאָך אַ מאָל
און ווידער.
אין שטילע פֿאַרנאַכטן אויסגעהיט די צווײַגן, געבענטשט
מיט טויזנט ברכות
און אָנגעשריבן וועגן בוים ליבשאַפֿט-לידער.

נאָר וויי. ווען אָנגעקומען זענען אין דעם וואַלד די האַקערס
מיט די זעגן,
האָב איך דערהערט געוויין, ווי עס וויינען אין די שׂרפֿות
פֿענצטער, טירן.
בין איך געגאַנגען מיט אויסגעשטרעקטע הענט אַנטקעגן.

געבליבן בין איך הײַנט אַלײן. אַ װאָרצל אָן אַ בױם.
װי מאַטראָסן אָן די שיפֿן.
קומט אָן די נאַכט, פֿאָכען איבער מיר טױטע פֿליגלען
און די אָדערן װײנען אין די טיפֿן.

אַ גלויביקער כופר

ווי זעלנער אין איין אָקאָפּע
פֿאַרברידערן זיך שטאַרק.
גייט דיר נאָך מײַן תּפֿילה
אויף דײַן רוישיקן מאַרק.

רוישן, קלינגען סוחרים,
קויפֿן און פֿאַרקויפֿן.
רײַסט זיך אָפּ מײַן שאָטן
און וויל פֿון דיר אַנטלויפֿן.

נאָר אַלץ אַרום פֿאַרריגלט.
דער מאַרק אויף שלאָס — פֿאַרשלאָסן.
לאָזן ניט די שומרים
דעם רויש פֿון מאַרק פֿאַרלאָזן.

ווער בין איך אָן דיר ?
אַ מאַרק אָן אַ יריד.
אַן איינזאַמער אין חלום,
אַ דיכטער אָן אַ ליד.

אַ הענדלער אויף די מערק,
אַ סוחר אויף ירידן,
אַ דאַוונער אין בית מדרש,
אַ ליידיקער פֿון יידן.

אַ גולם אויפֿן בוידעם
אָן דעם מהר״ל.
אַ דורשטיקער, אַ זוכער,
אַ שטומער בײַ דעם קוואַל.

ווער בין איך אָן דיר,
אַ צווייפֿלער, אַ באַגלייטער,
אַ שטיין אויפֿן בית-עולם,
אַ לעבעדיקער-טויטער.

ווי זעלנער אין איין אָקאָפּע,
פֿאַרברידערן זיך שטאַרק.
גייט דיר נאָך מײַן תּפֿילה
אויף דײַן רוישיקן מאַרק.

ווערטער

ווערטער שלעפּ איך אין מײַן האַרץ,
איך שלעפּ זיי ווי אַ טרעגער.
אַ ביסל חלום קריכט אויף אַלע פּיר
בײַנאַכט צו מײַן געלעגער.
פֿון חלום ווערט אַ וואָרט.
איך וויל אַ זשמעניע נצח.
נאָר שטאַרביק איז דער חלום,
פֿאַבריק פֿון שמעטערלינג סאָרט.

דער גרויסער לץ פּוצט הײַנט מײַנע שויבן.
אַ רויבער.
ער איז געקומען מײַן ביסל חלום רויבן.
אַ בלינדער און אַ שטומער און אַ טויבער.
נאָר זעט און רעדט און הערט.
אַ לץ —
אַ העלד פֿון שעקספּירס דראַמע
האָט מײַן וואָרט באַטרערט.
שוואַרצע ווערטער ווי אַ ליקוי חמה.

כ׳לעב פֿון ווערטער. כ׳אָטעם זייער לופֿט.
פֿון ווערטער אויסגעשפּונען מײַנע בגדים.
אַ חכם און אַ לץ — יעדער איינער
האָט געבראַכט אַ פּאָדעם.
נאָר דער לץ — אַ גוטער שפּינער,
דער לץ פֿאַרבלײַבט געווינער.
דער חכם האָט פֿאַרלאָרן.
אַ לץ פֿון שעקספּירס דראַמע. —

דערפֿאַר אַזוי פֿיל שוואַרצע ווערטער,
ווי אַ ליקוי חמה.

כ'לעב פֿון ווערטער. אין זיי פֿאַרקריצט מײַן נאָמען.
ווי אין טאָרבע פֿון דעם פויער
ליגט מײַן וואָרט אַ זאָמען,
ס'וועט דער ווינט צעשיטן זיי אויף פֿעלדער,
וועלן וואַקסן זאַנגען,
ווי וואָרצלדיקע ביימער אין די וועלדער.
נאָר דער לץ, וועט נאָכיאָגן מײַן זריעה
מיט פֿײַערדיקע בליצן
און וועט זײַן נאָמען אין מײַן וואָרט
פֿאַרקריצן.
דער לץ פֿון שעקספּירס דראַמע,
האָדעוועט מײַן וואָרט
ווי אַ טויטע מאַמע.

ווי ווערט מען פֿרײַ פֿון לץ אין איינזאַמע פֿאַרטאָגן.
באַפֿרײַען וואָרט פֿון פענט.
ווער וועט לץ און פּאַיאַץ זאָגן:
נעם צו פֿון מײַנע ווערטער
דײַנע הענט.
זאָל דער חכם זײַן מײַן משרת און באַדינער
און אין מײַנע ווערטער
דער געווינער.

לץ און חכם —ביידע רײַסן זיך אין וואָרט
מיט גבורה.
ביידע עקבערן די טיפֿקייטן
פֿון שורה.

דער חכם — אַ רואה ואינו נראה
קריכט אַרײַן אין שירה.
דער לץ — פֿלײַסיק ווי אַ וואָרעם,
קריכט אַרײַן אין ריטם און אין פֿאָרעם.
ליגן מײַנע ווערטער טיף פֿאַרגראָבן
צווישן זון
און טשאַטעס ראָבן.

ווערטער שלעפֿ איך אין מײַן האַרץ,
איך שלעפֿ זיי ווי אַ טרעגער,
אויסגעבעט פֿאַר לץ און חכם
מײַן געלעגער.

כ׳האָב מיין לעבן ניט פאַרשפּילט אין קאָרטן

כ׳האָב מײַן לעבן ניט פֿאַרשפּילט אין קאָרטן.
פֿאַרשפּילט —
אויף וועגן פֿון מײַן דור.
געצילט
מיט פֿײַל און בויגן צו די שפּיצן
פֿון אַ וועלט.
געזאַמלט גאָלד. אַ רויטן פֿאָדעם אין מײַן קלייד
פֿאַרשפּונען.
געוואָלט אויסהיטן מײַן יידיש געסל.
אויסגערונען
אין דער נאַכט
דאָס אָנגעזאַמלט וואַסער אין מײַן פֿעסל.

כ׳האָב מײַן לעבן ניט פֿאַרשפּילט אין קאָרטן.
כ׳בין געווען נאָר אַ באַגלייטער
פֿון מײַן דור.
געקראָכן אויפֿן לייטער
צו די הימלען ווי מײַן אורפֿאָטער
יעקב דאָרט אַ מאָל.
געזען שטערן אין די הייכן
אָן אַ צאָל.
געוואָלט מײַן יידיש געסל אויסהיטן
פֿון שטורעם.
אין אַ נאַכט:
אַ קייסער אָן אַ קרוין.
געוויין.
און איך: פֿאַרפּיצלט. אָרעם. קליין.

כ'האָב מיַין לעבן ניט פֿאַרשפּילט אין קאָרטן.
פֿון אָרעמקייט און טויטלעכן באַריר
געפּרוּווט קנעטן
וואָרט און שיר.
געוואָלט זיַין אַ פּאָעט צווישן יידישע פּאָעטן.
זייען יידיש ביַי דער טיר
פֿון וועלטישע געביַידעס.
אין אַ נאַכט:
פֿון דער געביַידע האָט דער כאַם אַרויסגערוקט אַ וואַנט.
מיַין יידיש-וואַנט.
צי וועט דאָס האַרץ, מחשבה און טאַלאַנט
אויפֿבויען צוריק מיַין היים
און העלפֿן אויסקנעטן מיַין יידיש ליד
פֿון ליים?

עדות איז מיַין גאָט אין הימלען
און מענטש אין טיפֿע קעלערן:
כ'האָב מיַין לעבן ניט פֿאַרשפּילט אין קאָרטן.

דאָס קול

דעם קול פֿון אַלע אײַנגעפֿאַלענע ציגל
האָט מיר דער אָוונט געבראַכט צו מײַן שוועל.
אין הדרת-קדושה האָט זיך פֿאַר מיר געשטעלט
דער ליכטיקער זכּרון פֿון מײַן וויגל,
אײַנגערוימט אַ סוד פֿון פּחד און פֿון בראָך:
אין די צעבראָכענע ציגל
דײַן יום-טוב און דײַן וואָך
פֿאַרזיגלט.

דעם קול פֿון אַלע פֿאַרברענטע שמה׳ס
האָט דער אָוונט מיר געבראַכט צו מײַן היים.
אַרײַנגעקוקט. דערזען: פֿון אַלע אימה׳ס
פֿון יענע טעג, דערציילן זיי בלחש
אין געהיים
פֿון אַ סיוון קאָפּ אײַנגעבויגן איבער זיי מיט ציטער.
שמה׳ס
פֿון געוויטער.

אויף אַלע שטערן הענגען זיי די אײַנגעפֿאַלענע ציגל.
אויף אַלע וואָלקנס הענגען זיי די פֿאַרברענטע שמה׳ס.
דו, ייִנגל, צינגל.
דער ירדן פֿירט די וואַסערן צו יעניקע מקומות.
צו יענע סטעזשקעס, וווּ דו ביסט געלאָפֿן מיט די
קײַלעכדיקע רייפֿן.
פֿון יענע וועגן ווערסטו קיין מאָל ניט אַנטלויפֿן.

ס'האָט דער זון מיך היינט געפֿרעגט: טאַטע מיינער,
ווּהין זענען אַוועק די סיוּוע קעפּ?
כ'האָב מיין זון קיין ענטפֿער ניט געגעבן.
אויף זיין לייטער פֿירן טרעפּ
צו גאָט. צו מענטש. צו לעבן.
ווען אים די ציגל און די שמה'ס
זיין וועג באַזינען —
וועט ער ביים כּותל, ביים כּנרת און ביי צפֿת
זוכן און געפֿינען
געזאַנג און גאַנג און אָפּקלאַנג פֿון זיין יידיש-גאַס.

אַן אַלטע קרעטשמע

אויף די וועגן שטייט אַן אַלטע קרעטשמע.
לעם דער טיר אַ פֿעסל וויַין.
טירן אויפֿגעפּראַלט. אַלע פֿענצטער אָפֿן.
איך בין אַריַין.

דאָס פֿעסעלע וויַין געקומען מיר אַנטקעגן:
ווער ביסטו, גייער, זאָג...
שטאַמלענדיק האָב איך געזאָגט:
אויף אַלע וועגן
זוך איך אַ פֿאַרטאָג...
אַן אָפּרו-אָרט. געלעגער.
פֿון צפֿון, דרום, מערב יאָגט מיך נאָך דער שלעגער.

דאָס פֿעסעלע וויַין האָט זיך צעלאַכט.
ביסט געקומען, גייער, אין אַ פּלאַץ
וווּ דער טאָג פֿאַרטריַיבט די נאַכט...
וווּ פֿאַרטאָגן
יאָגן
פֿון דער קרעטשמע אַלע בייזע רוחות.
אַריַין... אַריַין...
דאָס פֿעסעלע האָט אָנגעגאָסן אַ פֿולן כּוס מיט וויַין.
אין דער אַלטער קרעטשמע דאָ
איז גראָ
געוואָרן בלאָ.
פֿאַרגעס
און זע
אין דער אַלטער קרעטשמע
זינגט דער נס
פֿון סנה.

דאָס פּעסעלע ווייַן האָט זיך צערעדט:
דאָ פֿאַר דיר אַן אָפּרו-אָרט. אַ בעט.
טרינק מיט אונדז לחיים.

גיס אַרייַן אין כּוס
דייַן צער און דייַן פֿאַרדראָס,
דאָס האַרץ און ניגון עפֿן:
בורא פּרי הגפֿן...

אויף וועגן שטייט אַן אַלטע קרעטשמע אָפֿן
דער קרעטשמער מאַכט אַ מת — אַ מי שברך.
יעדער לעבעדיקער איז בייַ אים אַן אורח.
טיילט ער בראָנפֿן, ווייַן און לעקעך,
טיילט ער האַרץ מיט פֿולע עמערס,
ניט ער דינגט זיך מיטן מקח,
צאָלן צאָלט מען מיט אַ זמר
קלייַבט ער אויף ניגונים אָן אַ שיעור
און הענגט אויס די נאָטן אויף דער טיר.

זינגען אַלע אורחים אין דעם כאָר:
משיחס צייַטן. אין דער אַלטער קרעטשמע טרינקט מען ווייַן
און מ'עסט דעם שור הבר.

קוקט אַרויס דער קרעטשמער דורכן פֿענצטערל און זעט:
ס'האָט דער מאָרגנשטערן זייַן באָרד געטאָן אַ גלעט.

דין און דינער

דין און דינער ווערט דער פֿאָדעם
פֿון די גרינע, גרינע בגדים.

רײַס איך אָפּ פֿון הימלס שטערן
צוויי-דרײַ לעבעדיקע טרערן.

פּרוּוו איך אויסשפּינען דערפֿון
נײַע פֿעדעם פֿאַר דער זון.

דין און דינער ווערט דער פֿאָדעם
פֿון דײַן חלום, דו בן-אָדם.

שעפּ איך אָן דעם ברויז פֿון ימען
פּרוּוו איך אָפּוואַשן די שטאַמען.

מאָל איך צו אַ נײַעם שטריך
צו די קנייטשן פֿון געזיכט.

דין און דינער ווערט דער פֿאָדעם,
נייט די נאָדל נײַע פּחדים.

נעם איך בײַ מײַן האַנט דעם טאָג
אָפּצוּוועגן אויפֿן וואָג.

וויפֿל וועגט, מ'שטיינס געזאָגט,
אַ שעה, וואָס מ'האָט זי שוין באַקלאָגט?

דין און דינער — ווערט פֿאַרזיגלט
וואָרט און גראַם אין טויטן עיגוּל.

וואָס זשע בלײַבט אויף דעם געוואַנט?
אַ ליליפּוט פֿון אַ גיגאַנט.

מיט אַ נאָדל אין דער לאַץ
טיף פֿאַרנייגט זיך דער פּאַיאַץ.

דין און דינער — וואָס געשען?
אַ ליד דערציילט: אַמאָל געווען.

אַ ליד דערציילט פֿון אַ זכּרון
פֿון אַ פֿעלד פֿאַרזייט מיט קאָרן

פֿון אַ שניטער וואָס געשניטן
און געלאָזט אַ בייט אין מיטן...

דין און דינער.

כ׳קען שווערן

אויף אַלע טורעמס פּאָרן זיך
מיט ליבשאַפּט אין די אויגן
טײַבעלעך און שטערן.
כ׳קען שווערן
פֿון זייער ליבשאַפֿט וועט אַ פֿויגל נאָך געבוירן
ווערן,
ווי די פּאַווע
מיט זילבערנע טרערן
און גאָלדענע פֿעדערן.
כ׳קען שווערן.

אויף אַלע פֿליגל פֿון פֿאַרנאַכטן
בענקען שטילערהייט צוויי פֿאַרליבטע:
אַ דיכטער און די שקיעה.
כ׳קען שווערן:
אויף דער וויִע
פֿון אַזעלכע צוויי פֿאַרליבטע
צאַפּלט זיך אַ נײַער מאָרגנשטערן.
שאַ. לאָזט זיי בענקען שטילערהייט.
לאָזט זיי שווײַגן. לאָזט זיי ריידן.
נאָר דער טויט
וועט זייער בענקעניש צעשיידן.
כ׳קען שווערן.

אויף אַלע שפּיגלדיקע ימען
פּאָרן זיך אומעטיקע כוואַליעס,
איינע מיט דער אַנדערער.
כ׳קען שווערן

אָט יענער וואַנדערער
וואָס האָט אויסגעקוקשט אויף זײַנע וועגן
דעם צויבער פֿון די שטערן
טראָגט צו אַלע שוועלן
אַ יום-טובדיקן טאָג.

כ'קען שווערן.

אַנדערש

אין אַ צײַט פֿון קאַטאַסטראָפֿעס —
שאַרף די ווערטער, שאַרף די סטראָפֿעס,
דיכטער.

ווען אַ שטורעם ברעכט די שטאַמען —
ווי אַ חלף ריטמען, גראַמען —
דיכטער.

ווען הוראַגאַנען אין באַגינען,
זאָל דײַן ליד דעם קרבן דינען,
דיכטער.

הימלען אין תהומות ליגן —
דאַרף דאָס ליד אַ נײַעם ניגון, —
דיכטער.

בײַ די שוועלן פֿון פֿרימאָרגן
זאָל דײַן ליד פֿון אומרו באָרגן
פֿײַער.

שטייען וועלטן אין געוויטער
זײַ אַ שומר, זײַ אַ היטער, —
דיכטער.

אין דעם פֿײַער פֿון ווולקאַנען
וויל איך זען די לידער שפּאַנען, —
דיכטער.

אַנדערע ווערטער. אַנדערע גראַמען
אין אַ וועלט פֿון ליקוי חמה, —
דיכטער.

אַ בריוול
פֿון יצחקל וואָרקער צו ר׳ מענדל קאָצקער

דער קאָצקער האָט געזוכט צען יחידים.
ר׳ יצחקל וואָרקער אין הימל גייט אַרום מיט שטיוול.
אַ חידה:
ווי האָט ר׳ יצחקל וואָרקער, איבערגעשיקט מענדעלען
אַ בריוול

און אין בריוול
לאָמור — געבעטן אים אַזוי:
זע, מענדעלע, דאָס גאַנצע פֿאָלק אין זײַן צער און וויי.
עמך, זע.
איך טו דיך ראַטן:
לאָז צורו דײַנע צען יחידים.
צען אַריסטאָקראַטן.

מיט די שטיוול גוט איז מיר אין הימל.
אין אַ תּמוז-נאַכט גיי איך איבער שטערן
און גוט איז מיר און קיל.
איך כאַפּ אַ דרימל
אויף אַ בעטל פֿון חלומות און באַגערן
און האָבן האָב איך אַ געפֿיל
אַז עמך זינגט מײַן ניגון אין דער שטיל.

זאָג איך דיר ר׳ מענדעלע, הער זיך צו צו מײַנע רייד.
גאָט איז גוט און פֿרום.
ער האָט ליב מײַן געזאַנג
און מײַן גאַנג אין פּראָסטע שטיוול.
קום
און זע

ר׳ יוחנן הסנדלר, דער לעגענדאַרער שוסטער,
האָט מיר צוגעפּאַסט די שטיוול
לויטן לעצטן מוסטער.
לאָמיר גיין צוזאַמען אין עמכדיקן מאַרשרוט
און זינגען: מה טובו אהליך. ווי גוט.

כ׳לעבן מענדעלע, לאָז אָפּ דײַן זוכעניש
פֿון דײַנע צען יחידים.
איך מיין,
אַז דער יאָמער און געוויין
און דער מים-חיים קוואַל
פֿון יעדן בידנעם
מענטש — איז רײַך און שיין,
שענער פֿון דײַנע צען אַריסטאָקראַטן.
קום צי אַרויף אַ פּאָר שטיוואַלעס
און לאָמיר זינגען אַ לויב-געזאַנג דעם טאַטן:
לכה דודי לקראת כּלה׳ס.

דינע געוועבן

דינע געוועבן
פֿון מײַן לעבן
שפּינט דער שפּינראָד
דאָ דערנעבן.
פֿון אַ נעמעניש און געבן
שפּינט דער שפּינראָד
די געוועבן.

רײַסט דער ווינט
אַ פֿאָדעם אָפּ.
רײַסט אַ קינד
אַ בלעטל אָפּ.
שפּינט דער שפּינראָד
די געוועבן
פֿון אַ חלום,
און פֿון שטרעבן
שפּינט ער אויס
אַ העלע שעה
און אַ מאָל
אַ קראַ פֿון קראָ.

שפּינט ער אויבן
שפּינט ער אונטער,
ווערט אַ מלבוש
פֿון דעם וווּנדער;
ווערט אַ שנייי
און אָט צעגייט ער,
קומט אויף וועגן

אָן אַ צווייטער
שפּינט דער שפּינראָד
דאָ דערנעבן
די געוועבן
פֿון מײַן לעבן.

שפּין און שפּין,
פֿאַרוועב אין ריסן
ליכט און זין
פֿון מײַן געוויסן;
ליכט וואָס האָט זיך אײַנגעגביסן
אין די ריסן
פֿון געוועבן.
הענט צום שפּינראָד
טוליע, טוליע
היט מיר אויס
מײַן וועלט, מײַן דולע.

שטענדיק פעלט מיר עפּעס

אויף אַלע דעכער רוט אַ פֿרימאָרגן
רויִק. שטיל. געלאַסן.
אַ טוי אויףביימער. גראָזן.
גאַסן
גרייטן זיך צום רוישיקן יריד.
אין מיטן פֿון דער וועלט האָט עמיץ-ווער פֿאַרלאָזן
אַ וואָרט
און ביז הײַנט צו טאָג פֿעלט דאָס וואָרט אין ליד.

אויף אַלע טעלעפֿאָנען-סלופּעס רוט
אַ שטילער צער.
אַלע פֿייגל פֿאַרפֿליִען אין דער ווײַט.
נאָר אין פֿלי-געפֿאַר
האָט אַ פֿויגל אָפּגעריסן זיך פֿון טומלדיקער צײַט
און ביז הײַנט
געפֿין איך ניט מײַן פֿויגל אויף די דינע דראָטן.

אין אַלע גערטנער וואַקסן בלומען
שטיל, הכנעהדיק און שיין.
בין איך הײַנט געקומען
אָפּרײַסן אַ בלום.
קוק איך זיך אַרום:
עס פֿעלט מיר הײַנט די ראָזע.
ווער האָט אָפּגעריסן דײַן זיסן
זומערדיקן חן?
ביז הײַנט זע איך מײַן גאָרטן אין פֿרימאָרגן
בלאַס,
ווי דער אומעט אין פֿאַרנאַכטן
אויף מײַן גאַס.

אַלע חלומות פֿאַרשווימען

אַלע חלומות פֿאַרשווימען
ווי פֿיש אין וואַסער.
די פֿישעלעך זינגען אַ הימען
צו אַלע טראָפּנס אין די ימען.
נאָר די חלומות ברענען אויס
אין צינגער-פֿלאַמען.

אַלע חלומות פֿאַרשווימען
ווי אַ לעצטער שײַן פֿון טאָג.
נאָר דער בליאַסק פֿון דימענט
בלײַבט אין כּתר פֿון די שעהען.
אַלע ניינען
ווילן באַזיגן די יאָען.

אַלע חלומות פֿאַרשווימען,
ווי אַ קוואַל אין מדבר-זאַמד.
דער וואַנדערער טוט זיך הײַנט באַרימען,
אַז ער איז דעם חלום אַריבער.
נאָר דער נצח גרייט פֿאַרן דמיון
טיפֿע גריבער.

אַלע חלומות פֿאַרשווימען,
ווי אַ טראָפּן אין שניי.
צעפּאַסעוועטע טעג מיט שטריק און רימען
קריכן אַרײַן אין ספֿרים.
אין זיי גראָבט אויס דאָס לעבן
פֿאַר אַלע גרויסע ווערטער — קברים.

אַלע חלומות פֿאַרשווימען —

לאָמיר ווייטער פֿאַנטאַזירן

העי, לאָמיר ווײַטער, ווײַטער פֿאַנטאַזירן:
ס'נעמט מײַן טאַטע מיך בײַם הענטל אָן,
שטעקט אַרײַן אין האַנט אַ פֿאָן,
צום אָרון-קודש וויל ער מיך דערפֿירן,
איך זאָל פֿאַרבלײַבן דאָ לעולמי-עד.

העי, לאָמיר ווײַטער, ווײַטער פֿאַנטאַזירן:
ס'איז געקומען צו מײַן טיר אַ ציגעלע אַ ווײַסע,
אויף מײַן מאַמעס שויס הער איך אויס אַ מעשׂה,
צו דער מעשׂה וויל מײַן מאַמע מיך דערפֿירן
איך זאָל פֿאַרבלײַבן דאָ לעולמי-עד.

העי, לאָמיר ווײַטער, ווײַטער פֿאַנטאַזירן:
ס'האָט מיך אויסגעפּוצט אַ נאַכט מיט שטערן מיט
זילבער-ווײַסע בגדים,
און דער שנײַדער פֿון מײַן געסל איז געקומען מיט זײַן
פֿאָדים,
צו דעם פֿאָדים און צו די שטערן וויל די נאַכט מיך הײַנט
דערפֿירן
כ'זאָל דאָ פֿאַרבלײַבן לעולמי-עד.

העי, לאָמיר ווײַטער, ווײַטער פֿאַנטאַזירן:
מײַן געליבטערס האַנט איז בשׂמימדיקע מילדקייט,
אויסמײַדן דעם שטורעם דאַרף מען, קום צו היים און
שטילקייט,
צו דעם קליינעם אַלקערל וויל זי מיך דערפֿירן.
לאָזן ניט די ווערטער און דער ווינט און אַלע שטערן
איך זאָל מײַן געליבטערס רייד דערהערן.

העי, לאָמיר ווײַטער, ווײַטער פֿאַנטאַזירן:
בײַנאַכט איז אַ פֿאַסטעך אָנגעקומען צו אַ ברונעם,
מיט זײַן פֿײַפֿל אָנגעטרונקען לידער מיט ניגונים
און מיט בענקעניש געזאָגט צו מיר אַזוי:
כ׳וועל דײַן וואָרט אויף מדבר־קעמלען פֿירן
צו זון און ווײַסן שניי.

העי, לאָמיר ווײַטער, ווײַטער פֿאַנטאַזירן:
צו מײַן שרײַבטיש האָט דער ווינט געבראַכט אַ בייגעלע
פּאַפּיר.
שרײַב אויף אַ וואָרט, האָט דער ווינט געזאָגט, שרײַב אויף
אַ שיר.
און זאָל דער שיר אין חלום דיך פֿאַרפֿירן
און בלײַבן זאָלסטו דאָרט לעולמי־עד.

*

אויב שרייַען — שרייַ.
נאָר וויסן זאָלסטו, ברודער:
דאָס קול פֿון דעם געשריי וועט ניט הילכן ווייַט.
ס'וועט דעם ווידערקול פֿאַרהילכן
קוילן פֿון דער צייַט.
אויב שווייַגן — שווייַג.
נאָר שווייַג אַזוי
אַז דייַן ליב-געברום צו הימלען זאָל דערגרייכן,
צו די העכסטע, העכסטע
הייכן.

אויב שרייַען — שרייַ.
נאָר וויסן דאַרפֿסטו, פֿרייַנד:
דייַן קול פֿאַרבלייַבן וועט אין ד' אמות
פֿון דייַן כּרך.
ס'וועט דער קרעכצנדיקער שמש
אַריבערטראָגן זייַנע עכאָס
איבער שינדלדיקן דאַך.
אויב שווייַגן — שווייַג.
נאָר שווייַג אַזוי,
אַז דער וואָרצל פֿון דייַן בוים
זאָל אויפֿרייַסן די טיפֿן
און דעם רוים.
די צווייַגן — דעם ממשותדיקן טאָג, —
און פֿאַרזייען, ווי אַ פֿויער אויף די בייטן,
טרוים נאָך טרוים.

אויב שרייַען — שרייַ.
נאָר זייַ וויסן מיטגייער אויף וועגן:
געשריי איז ווי דער מאָך
וואָס וואַקסט אַרויס פֿון שטיין.
קיין מאָל ניט דער תּוך.
אויב שווייַגן — שווייַג.
נאָר שווייַג אַזוי —
אַז דייַן שטומקייַט — אַ קינד פֿון בליץ און שטורעם
זאָל שרייַען העכער
ווי אַלע מענטשלעכע דבורים.

וווּהין?

וווּהין פֿאַרשווימען די מינוטן,
אַלע שעהען פֿון מײַן גאַנג.
אין אַ ריכטונג ווו די פֿייגל
זינגען זומערדיק געזאַנג.
אין אַ ריכטונג ווו דער חלום
ליגט אַ הונגעריקער, קראַנק.

וווּהין פֿאַרשווימען אַלע לידער,
אַלע גראַמען פֿון מײַן וואָרט.
אין אַ ריכטונג, ווו דער בוים
האָט זײַנע בלעטער אָפּגעשפּאָרט.
אין אַ ריכטונג ווו מײַן מאַמע
איז פֿאַרבליבן ערגעץ-דאָרט.

וווּהין פֿאַרשווימען די לעגענדעס
מיט בלויקייט אין די אויגן?
אין אַ ריכטונג ווו דער פֿידלער
האָט געניגונט מיט זײַן בויגן.
אין אַ ריכטונג ווו די קראָען,
ווי שוואַרצע כמאַרעס אָנגעפֿלויגן.

צוויי פנימדיקע טעג און נעכט,
שלאָפֿן אין די ד׳ אמות.
אָט, דער נגיד מיט עטרה,
אָט, דער נעבעכדיקער שמש.
אָט, די שטאָלצע מײַנע אָבות,
אָט, די תּחינותדיקע מאַמעס.

קוק אַרויף צום גרויען באַרג
און קוק אַראָפּ צום בלויען טאָל.
ביידע בויען דייַנע תּחומים,
פֿאַרשלאָסן ליגט אין זיי דייַן קול.
דיר איז, דיכטער, נאָר פֿאַרבליבן
טראָגן ווירדיק זייער עול.

*

וואָס איז טאָג און חלום?
אַ לייטער און טרעפּ.
וואָס איז נאַכט און חלום?
אַ ווינט און אַ סטעפּ.

וואָס איז האַרץ און ליבע?
אַ זייגער און ווײַזער.
אַן אויג און אַ טרער —
אַ חלום אַ בייזער.

וואָס איז ים און אַ כוואַליע?
סתם אַ שוימען, אַ שוימען.
וואָס איז טאָל און קאָלירן?
פֿאַרלאָרענע טרוימען.

ווען איך דאַוון אַליין

עס וואַרגט מיך געלעכטער,
עס וואַרגט מיך געוויין.
וואָיעט מײַן ליד
ווען איך דאַוון אַליין.

עס שרײַט מײַן אַליינקייט,
עס שרעקט מיך דער ציבור.
ווי גייט מען די תּחומים
מיט חסד אַריבער.

עס כליפּעט מײַן אומעט,
מײַן פֿרייד און מײַן וויי:
איינער אַליין?
שוין בעסער אין צוויי.

גענומען מײַן ליד
צו גאַסן. צו ראָגן.
אַ כּלי־זמר געקומען
באַגלייטן מײַן קלאָגן.

אַרויס מיט מײַן ליד
מיט תּוכן, מיט פֿאָרעם,
געשפּילט האָט דער כּלי־זמר:
ביסט נאַקעט. ביסט אָרעם.

געהערט ווי עס וואָרקען
די טויבן אין שטײַגן.
געבעטן די גראַמען:
וואָרקען און שווײַגן.

עס וואַרגן מיך ווערטער.
געדאַנקען. געפֿילן.
דעם כּלי־זמרס טרומייטער
ווי הינטיש בילן.

עס וואַרגן די נעכטנס,
די שקיעות און טעג.
אפֿשר פֿאַרפּאַקן
מייַן ליד אין געפּעק.

און אַוועק נע־ונד
זוכן אַ היים.
לעבן אַ לעבן
אין סוד. אין געהיים.

עס וואַרגן מיך ווערטער,
התחלות און סופֿן.
דער ווינט מיט די נאָטן
פֿון כּלי־זמר אַנטלאָפֿן.

אַרויס איז מייַן ליד
מיט תּוכן, מיט פֿאָרעם:
די וועלט איז באַשאַפֿן
מיט עשׂרה מאמרים.

כּלי־זמר אויף וועגן,
דייַן בויגן ניט שפּאָר אים,
איך מוז נאָך געפֿינען
די עשׂרה מאמרים.

עס וואַרגן מיך נעכט
און שקיעות און טעג.
ריַיסט זיך אַ שיפֿל דורך כוואַליעס
צום ברעג.

און כוואַליע אויף כוואַליע
יאָגט איבער, דעקט צו
די וויַיסינקע טויבן
דאָס זשערנעלע רו.

אָט קומט דער פֿרימאָרגן,
וואָס וואַרגסטו זיך, דיכטער,
קיינער קען לעשן
פֿון לידער די ליכטער.

דיַין כּח אין זוכן,
אין שיַיער ביַים דרעשן.
קיינער די ליכטער
פֿון לידער קען לעשן.

עס וואַרגט מיך געלעכטער,
עס וואַרגט מיך געוויין.
וואָיעט מיַין ליד
ווען איך דאַוון אַליין.

אויף מיין אייגענעם שאָטן

אויף מײַן אייגענעם שאָטן
אַרויף און אַראָפּ
אין דוהע געשפּאַנט
איך לויף אין גאַלאָפּ.

אויף מײַן אייגענעם שאָטן
טריט, מײַנע טריט.
מיט פּערז און מיט ריטם
אַנטלויפּט מײַן געמיט.

אויף מײַן אייגענעם שאָטן
טרעטן די טעג.
ציטערט אין וואַלד דאָרט
מײַן בוים פֿאַר דער זעג.

מײַן אייגענער שאָטן
פֿאָרויס און צוריק
פֿאַרוואַרפֿט אויפֿן גורל
פֿון שפּינוועבס אַ בריק.

אַנטלויף ניט מײַן שאָטן —
געטרײַ זײַ. געטרײַ.
דײַן האַר איז דײַן קנעכט
און דו אויף דער פֿרײַ.

נאָר איינס זאָלסטו וויסן —
דו זעסט נאָר מײַן גאַנג
און פֿרעמד וועט דיר בלײַבן
דער שפּאַן פֿון געדאַנק.

דער שפּאַן פֿון מחשבה
פֿאַרמאָגט ניט קיין שאָטן.
זײַן לויף האָבן ווינטן
און שטורעמס געקנאָטן.

געקנאָטן אַזוי
(אין ליד איז פֿאַרשריבן) —
דער גאַנג פֿון מחשבה
אין טיפֿן פֿאַרבליבן.

שוואַרץ און בלוי

אַ ליד, ווי אַלע ווערטער אויף קאָוואַדלעס,
אין קלאַמערן.
אַ ליד, ווי אַלע ווערטער אויף קאָוואַדלעס,
דער ריטם דאַרף זיי האַמערן.
אַ ליד, — און די אויגן אָפֿענע צו הימלען בלויע
און צו טויען.

זוך איך אָפּט דעם שליסל צו רמז, דרש
און פשט און סוד.
ליגן לידער פֿאַרחלמטע אין דממה דקה
רײַסן לידער זיך אין רעש.
זוכן בלינדע אותיות אַ ביסל חסד, גנאָד.
דאַוון איך אַ ליד — אַ תּפֿילה זכה.

אַלע קוואַלן אין די לידער מורמלען:
די גאַס. דער הימל און דער חלום
מיטן חלף.
אַלע שטומענישן אין די ווערטער טומלען.
לויפֿט די תּיו זיך וואַרעמען בײַם אלף.
קאַלט איז איר צו שטיין די לעצטע אין דער ריי:
אלף, אלף ראַטעווע, הערט זיך איר געשריי.

אַלע קוואַלן אין די לידער — ווי אַ שטראָם.
דײַן פֿרוי. דײַנע קינדער, און אַלע די וואָס ליגן
אין די רינעס.
די אותיות פֿון דעם באַרג פֿאַרקוקן אין תּהום,
זוכן זייער ניגון
אין די טיפֿן. נאָר אַ וועלט וואָס שלאָפֿט אויף מינעס

לאָדעט אָן אויף אַלע שיפֿן
דײַנע לידער און שיקט זיי אָפּ
צו רמז, דרש, פּשט און סוד.

אפֿשר דו, קענסט אָפּנעמען דאָס ליד בײַ פּאָרטן.
אָפּלאָדן — וועלן דיר העלפֿן די מאַטראָסן.
לידער: בלויע, שוואַרצע, פֿון אַלערליי סאָרטן:
מיט שׂמחה און געוויין, מיט פֿריידן און פֿאַרדראָסן.
לידער גלײַכע ווי אַ סטרונע און ווי אַ קײַלעכדיקע ראָד:
גרייט פֿאַר רמז, דרש און פּשט און סוד.

געווען איז אַ פֿרימאָרגן, אַ רויִקער. אַ שטילער.
געגאַנגען בין איך אָפּנעמען אַ וואָרט.
אַ ווינט אַ מילדער און אַ קילער
האָט אויסגעצאַצקעט אַלע אותיות
פֿון דעם בלויען סאָרט.
איז אויף דער בלויקייט אַראָפּגעפֿאַלן אַ שוואַרצע קראָ —
זענען שטיין געבליבן צוויי ווײַזערס
אויף אַ שוואַרצער שעה.

שטייט די שוואַרצע שעה און וואַרט:
עמעץ קומט דאָרט אָן מיט פֿאַקל.
אמת טאַקע, ס'האָט אַ צווײַג דאָ אָפּגעדאַרט.
דער בוים — אין פֿינצטערן סך־הכּל.
נאָר דער בלויער חלום האָט מיך ניט גענאַרט —
שטייט די שוואַרצע שעה און וואַרט.

האָב איך הײַנט געזען דעם וואַסערטרעגער
אַ ליכטיקן. אַ נײַעם.
ער האָט אָנגעגאָסן אין פֿרימאָרגן־שײַן
אַ כּוס מיט מים חיים.

האָב איך אויסגעטרונקען ביזן דנאָ
און געזאָגט צו זיך אַליין :
עס וואַרט אַ בלויע שעה
ביי מיינע שוועלן.

ווילסטו וויסן אַלץ
דעם פשט און רמז, דרש און סוד
פֿון אַלע מיינע ווערטער ? פֿרעג דעם וואַסערטרעגער
ער וועט דיר דערציילן פֿון אַ בלויען טלית.
פֿון התגלות.
פֿון אַ שבתדיקן לכה דודי
לקראת כלה.

בענקענישן

די האַרבסטיקע בלעטער וואַלגערן זיך אין בענקעניש
צוריק צו דיביימער.
דער רעגן באַגיסט זייער עלנט
מיט אַ טרער.
די נאַקעטע צווײַגן קוקן אַראָפּ
מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן.

אָנגעצונדענע שקיעות, בענקען צוריק
צו די ליכטיקע טעג.
דער מלאך פֿון אַלע שיינקייטן
באַגלייט זיי מיט צער.
זוניקע טעג זאָגן נאָך זיי דעם קדיש אָפּ.
די שקיעות וויינען אומעטיק און שטאַרבן.

די קולות פֿון די יזכּורס וויינען ניט. זיי ברומען.
זיי ווילן צוריק אַרײַן אין טאָוולען פֿון סידורים.
דער בת-קול פֿאַרטראָגט אין די ווײַטן
צאַפּל פֿון נשמות.
די רוחות שטעקן אין דעם בת-קול.
די אותיות פֿון דעם יזכּור קומען ניט אַרײַן צוריק אין סידור.

אַלע שטיינער פֿון מצבות בענקען זייער בענקעניש
צו בערג, צו טיפֿע היילן,
אַ גורל-האַנט האָט זיי אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן נאַכט
און יאָמער.
ווי גלײַכע שותּפֿים, וויינען זיי מיט אַלע קולות דאָ אַרום.
מיט אַלע שווײַגענישן פֿון פֿאַרשניטענע חלומות.
אַלע שטיינער ווילן צוריק צו זייער שטאַם.

האַרבסטיקע בלעטער. אָנגעצונדענע שקיעות
קולות פֿון יזכּורס, שטיינער פֿון מצבֿות —
מיט זיי: איך און דו און ער
אין בענקעניש נאָך ליכט. נאָך קלוגע אויגן צוויי.
אַ גלאָז ווייַן און אַ בויגן פֿון דעם מייַסטערס פֿידל.
אַ מענטש אין בענקעניש.

אַטאָמען

צו זיך אַליין אין שטילער נאַכט געזאָגט:
אַטאָמען.
אַנטלאָפֿן אַלע ווערטער.
ניט נאָר מענטש, נאָר אויך אַ שטיין
פֿאַרלאָרן אין תּהומען
אַלע טרערן
פֿון געוויין.
אויף די הימלען האָבן אַלע בלויע שטערן
פֿאַרלאָרן זייער חן.

צו זיך אַלײַן אין שטילער נאַכט געזאָגט:
אַטאָמען.
זענען אַלע וואַסערן פֿון ימים ווײַט אַנטלאָפֿן
און מיטגענומען אַלע שטראָמען.
אויף שמאָלע טרעפּ אין קעלערן
אַראָפּ דער ציטער פֿון נשמה.
פֿון ברונעמער געשריגן האָט אַ קול:
טמא. טמא. טמא.
— און איך: פֿאַרגעסן כ'האָב מײַן נאָמען.

צו זיך אַליין אין שטילער נאַכט געזאָגט:
אַטאָמען.
אַנטלאָפֿן פֿון מײַן סידור אַלע תּפֿילות.
דערוואָרגן פֿרומער קלאַנג פֿון אָמן.
אין פּויערס טאָרבע אויסגעלאָשן די ליכטיקייט
פֿון זאָמען.
שברי-לוחות
האָבן אויפֿגעקליבן זיך פֿון אַלע זאַוויערוכעס

תּחנונימדיק געפֿרעגט:
ווי לאַנג וועלן לוחות-לאַוון דויערן?

אַ הונט אַנטקעגן דער לבנה אויסגעבילט:
אַטאָמען אויף די וועגן לויערן.

מיין פאַרמעג

אַ ליד איז אַ שטיין
געוואָרפֿן אויף שטעג און אויף וועג.
דער פֿאַרמעג
פֿון אָרעמען דיכטער.

אַ ליד איז געקומען
אין אַ פֿינצטערער נאַכט, מיט אותיות
פֿאַרנעפּלטע און קלאָרע.
איז אַראָפּ פֿון דײַן גומען
אַ ניגון און אַרײַן אין דײַן האַרץ
ווי אַ טראָט פֿון אַ בער אין זײַן נאָרע.

אַ ליד איז אַראָפּ פֿון די בערג,
אַ גאַסט בײַ די טיפֿע תּהומען.
זענען ווערטער געגאַנגען אין שליאַך
פֿון דײַן נאָמען
און אַ קול האָט געוואָרנט אַזוי:
פֿאַרלאָז דעם מאָכיקן שימל,
צוריק צו די בערג,
צום אין־סוֹפֿיקן הימל.

האָט דאָס ליד צעפּליקט און צעריסן די נאַכט,
ווי אַ שטורעם רײַסט אויף די לאָדן.
צוריק צו די הימלען
מיט שפּיזן פֿון אומרו באַלאָדן.
אַ קול האָט געוואָרנט אַזוי:
זאָל דער שטורעם אין רגע, אין שעה,
שרײַען אין ליד:
איך בין דאָ.

ווען די שטילקייט אַרײַן אין דײַן וואָרט,
פֿאַרנעם איר הילכיקן סימן:
אויף איר שוועל לויערט געברום
מיט הילכיקע שטימען.

אַנטי מאָדערן

פֿאַרשלאָסן דאָס וואָרט אין צעוואָרפֿענע אותיות.
דאָס ליד האָט געוואַרט אויף אַ נס. אויף אַ מופֿת.

דער נס ליגט אויף ליידיקע טישן פֿאַרדרימלט.
דאָס ולד איז אַ מת. זײַן זרע — איז שימל.

דער פלאָנטער אַרײַן איז אומהיימיש אין וואַקל.
אַ שד אין קאַטאָוועס פֿאַרשרײַבט זײַן סך-הכּל.

אַ דיכטער געפּוצט אין בליאַסק און מאָדערן
געבויט האָט זײַן הימל אָן קינד און אָן שטערן.

יאָמערן, קלאָגן אין וואָרט מכשפֿות.
אומזיסט האָט דאָס ליד געוואַרט אויף אַ מופֿת.

אומזיסט האָבן קלאַנגען געוואַרט אויף אַ נס.
אַ פּסק פֿון די ריכטער: דאָס ולד איז אַ מת.

אַ דינער עלנט

אַ דינער עלנט ווײנט אין מיר.
ער וואַרט מיך אָפּ אויף גאַס און ראָג.
אַ שטויב אויף אָוונטיקער שקיעה
פֿאַרשטויבט די חכמות פֿון מײַן טאָג.

אַ דינער עלנט זילבערט זיך,
ער קומט צו מיר און גייט אַוועק.
אַ שאָטן אויף אַ גרויער וואַנט
פֿאַרשאָטנט אַלע מײַנע טעג.

אַ דינער עלנט אין די אויגן.
כ׳זע די פֿרוכטן ווײַט פֿון בוים.
אַ צווײַג פֿאַרדעקט דעם פֿרישן טוי,
די נאַכט פֿאַרדעקט דעם טרוים.

אַ דינער עלנט אין די לידער
שטייט און וואַרט בײַ טיר און שוועל.
כ׳לייג אַוועק בײַ זײַנע ראַנדן
אַלע צאַפּלען פֿון מײַן זעל.

אַ דינער עלנט אין געוויין
פֿאַרקוקט אין מיר מיט שאַרע אויגן.
שפּילט ער בענקשאַפֿט אויס מיט ציטער, —
פּאַגאַניני מיט זײַן בויגן.

אַ דינער עלנט אין די רייד.
פֿון טעג און נעכט אים אויסגעשניטן.
גיס זשע אָן דעם כּוס און טרינק
פֿון צער וואָס האָט דײַן וועג פֿאַרשניטן.

אַ דינער עלנט אין דעם זומער
אין די טיפֿקייטן פֿאַרקראָכן.
שטיקער אײַז פֿון מײַנע טײַכן
האָט ער אימפּעטיק געבראָכן.

דינער עלנט, דינער עלנט,
אויף מײַן סידור שלאָפֿט די צײַט.
ביסט אַ גאַסט אין מײַנע לידער,
ביסט געקומען פֿון דער ווײַט.

דינער עלנט, דינער עלנט,
מיט דײַן אומעטיקן חן
„אַ דינער עלנט וויינט אין מיר"
אַן אויפֿשריפֿט אויף אַ שטיין.

זכרון

אַלע טרויבן
אין דעם קעלטער,
טרעט דער גלויבן
פֿון מײַן עלטער,
טיפֿער, טיפֿער
טרעט ער, טרעט ער
אַלץ וואָס יאושט
שמעטער, שמעטער,
קומט צו גיין אַ קראָ
און קראַ —
זאָגט דער גלויבן:
שטילער. שאַ.

קומט דער ווײַזער
פֿון דעם זייגער
ווי אַ בלינדער, בייזער
הויקער.
קליפּט און קלאַפּט
און שטעפּט און שטעפּט
נאָך אַ רגע שוין פֿאַרכאַפּט,
נאָך אַ שעה אויף וואַנט פֿאַרקלעפּט.
ווּ דער ווײַן
פֿון מײַנע טרויבן,
ווער גיסט אַרײַן
אַ סם אין גלויבן?

שוואַכער, שוואַכער
ווערן פֿיס,

אַ קונצנמאַכער
האָט געוויס
אַרײַנגעוואָרפֿן אין אַ פֿלאַש
צוויי דרײַ הויפֿנס
פֿון דעם אַש,
ווילן קונים
מער ניט קויפֿן,
אַלע ווילן ווײַן נאָר ריינעם,
אַלע פֿרעגן: זאָג פֿאַר וואָס
שוימט מיט אַש
מײַן בלויער כּוס?

שטילער. שטילער.
מיט גענאָד.
דער מילנער
ווייס דעם סוד
פֿון מעל.
נעכטן איז אַרײַן זכּרון
און געלייגט זיך
אויף זײַן שוועל.
קומען יאָרן
תּמעוואַטע
און דערציילן אַז דער כאַם
האָט אין קעלטער און בײַם מילנער
אַרײַנגעגאָסן אַ טראָפּן סם.
דערציילן אויף די וועגן
ביינער,
אַז דער ווײַן איז ניט קיין ריינער
און דאָס מעל בײַם ווײַסן מילנער
איז מיט סם אַ ביסל פֿולער.

כ'האָב אַליין
אויף אַ יריד
געקויפֿט געוויין
ביַים וויַיסן ייד.
אין פֿלאַש פֿאַרפֿאַקט,
געבראַכט אַהיים,
האָט דער זייגער מיט זיַין טאַקט
אויסגעטאַקט דעם סוד געהיים:
אַז ביַים מילנער איז די זעל
לא עליכם, ווי דאָס מעל —
(ס'איז דען מעל — ס'איז דאָך שאָטן,
וויַיס מעל מיט סם פֿאַרקנאָטן)
קויפֿט איר וויַין,
צי קויפֿט איר מעל —
דער זכּרון
אויפֿן שוועל.

סתירות

מיט אַ צווייגעלע זכּרון.
אַ בילד.
אַ רעמל.
אַ נאַכט מיט בייזן חלום.
וואָס איז פֿון דיר געוואָרן?
עקשנותדיק און מילד.
אַ הירזשענדיק פֿערד און קעמל.
מלחמה׳דיק און שלום.
ווי אַ מילגרוים פֿול ביסטו מיט סתירות.

אין מדבר זוכסטו וואַסערן.
אין טויט — אַ ברעקל לעבן.
אַ טיר
אַן אָפֿענע צו נעכטנס.
אַלץ איז מותּר. אַלץ קענסטו הײַנט אַסרן.
אַ נעמעניש. אַ געבן.
אַ שיר
מיט האַרץ און שׂכל איז באַרעכנט.
ווי אַ מילגרוים פֿול ביסטו מיט סתירות.

בײַנאַכט —
קוק זיך נאָר אַרומעט:
שטאַרק דײַן פֿרייד
נאָר שטאַרקער איז דײַן אומעט.
ווי אַ מילגרוים פֿול ביסטו מיט סתירות.

אָפּן שטייען אַלע טירן

אָפּן שטייען אַלע טירן.
אָפּן.
דאָס ציגעלע דאָס ווײַסע אין וואַלד אַנטלאָפֿן.
אוי, אַנטלאָפֿן.
דער פֿאַסטעך זוכט און זוכט
און אויף די וועגן האָט ער אַ וואָלף
געטראָפֿן.
אין די אויגן פֿון דעם וואָלף
איז אַ שעפּסעלע געשלאָפֿן.
אוי, געשלאָפֿן.
וואָס-זשע נאַרסטו חלום אָפּ,
אַז איך דאַרף נאָך ווײַטער האָפֿן.
כ'האָב אַפֿילו ניט דערלעבט אַז עמעץ-ווער
זאָל דעם וואָלף באַשטראָפֿן.
אָפּן שטיען אַלע טירן.
אָפּן.

האַרבסט. אַלע בלעטער צופֿוסנס פֿון אַ בוים
ליגן.
מײַן זומער איז קיין חכם מער,
ער קען זיך מער ניט קליגן.
מײַן פֿידל איז אַ וויינענדיקע
און וויינענדיק — דער ניגון.
מיט דעם ווײַסן ציגעלע איך קען ניט מער
מײַן זון פֿאַרוויגן.
ווי די בלעטער — אַלע שטאַפּלען פֿון מײַן לייטער
צופֿוסנס ליגן.

און דער חלום איז פּראָסט און פּשוט:
שקר. ליגן.
האַרבסט — אַלע בלעטער צופֿוסנס פֿון אַ בוים
ליגן.

אַ גרין בלאַט

אַ געל בלאַט דעקט צו אַ גרינע,
אַ וואָלקנדל יאָגט נאָך אַ כמאַרע.
אַ שטערן אויף אַ בנין אָן אַ דאַך
ווינקט.
פֿינקלט.
לאַכט, ווי עס לאַכן קליינע קינדער אין די וויגן.
מײַן פּעקל יאָרן קוקט אַרויס אין דרויסן.
דער וואָגן וואַרט.
נאָר דאָס פֿערד וויל אין שפּאַן נאָך ניט אַרײַן.

וואַרט דער וואָגן אָן דעם פֿערד.
דאָס גרינע בלאַט כאַפּט זיך אויף
מיט טויזנט חנען.
די כמאַרע גיסט אַ רעגן אָפּ
און פֿעלדער ווערן אָנגעגאָסן מיט טוי און גאָלד.
דאָס וואָלקנדל פֿאַרשעמט בלײַבט שטיין און קושט
די הימל־ראַנדן.
מײַן פּעקל יאָרן קריכט אַראָפּ
און גייט אַוועק אין וואַלד
קלײַבן פּאָזיאָמקעס.

איך גיי מיט מיט מײַן פּעקל יאָרן
און זינג
פֿון אַ בלאַט וואָס שלאָפֿט אין דרויסן,
גרין,
מיט אַ קרוין פֿון שטערן,
מיט אַ הימל אויסגעצירט מיט פּאָזיאָמקעס.
אַ גרין בלאַט לאַכט.

אַך, ווי שיין עס לאַכט אַ גרין בלאַט.

וואָס ברענג איך אַהיים?

א.

וואָס ברענג איך אַהיים,
פֿון נעכטן. פֿון הײַנט.
אַ בלאַט פֿון אַ בוים.
אַ וואָרט פֿון אַ פֿרײַנד.

וואָס ברענג איך מײַן קינד
פֿון נאַכטיקע וועגן?
אַ שאלה. אַ תּשובה.
אַ טראָפּן פֿון רעגן.

שטאַרבט-אָפּ דער טאָג.
אַ פֿענצטער בלײַבט אָפֿן.
אַ קאַנאַריקל שטיל
ווערט אַנטדרימלט. אַנטשלאָפֿן.

קומען צוויי שטערן
און פֿינקלען געהיים:
ברענג דײַנע קינדער
אַ פֿינקל אַהיים.

אַ פֿינקל. אַ בלאַט.
פֿון רעגן אַ טראָפּן.
בעט אויס מיט ליבשאַפֿט
די קינדערס צוקאָפּן.

די נאַכט קען, חלילה,
ברענגען געוויטער.
היט אויס די קינדער
פֿון נאַכטישן ציטער.

בעט דעם קאַנאַריק
ער זאָל ניט פֿאַרשלאָפֿן
ווען דו וועסט שרײַבן
פֿון טאָג דײַנע סטראָפֿן.

בעט די צוויי שטערן,
ווי אַ קינד בעט אַ מאַמען,
זיי זאָלן דיר העלפֿן
בויען די גראַמען.

אַ ליד מיט דער הילף
פֿון קאַנאַריק און שטערן
קען נאָך אַ מאָל
צו דעם נצח געהערן.

אין אַ קליין-אַנטאָלאָגיע
קען אַ מײַסטער דערהערן
די שותּפֿות פֿון דיכטער
מיט קאַנאַריק און שטערן.

דײַן פֿענצטער לאָז אָפֿן,
דײַן האַרץ ניט פֿאַרשליס,
הימלען אין הייכן
פֿאַטשן דיר: ביס.

וואָס ברענג איך אַהיים
פֿאַר מיר און פֿאַר דיר? —
אַ טראָפּן פֿון רעגן,
אַ פֿינקל פֿון שיר.

ב.

איך ברענג אַהיים:
פֿון בוים דעם רויש,
פֿון האַרבסט —
דעם בלעטער-פֿאַל,
דעם אָרעמען קויש
פֿון פֿריילעכע ירידן,
אַ שאַל
פֿון אַ יידישער מאַמע
אויף אומעטיקע אַקסל.

איך ברענג אַהיים:
פֿון זומערן — אַ שטראַל,
פֿון בענקעניש —
אַ קוואַל,
פֿון זונפֿאַרגאַנג — אַ שפּליטער
און אַ ציטער
פֿון אַ ניגון אַ פֿאַרחלשטן
אויף אומעטיקע וועגן.

איך ברענג אַהיים:
פֿון יוגנט אַלע שקיעה'ס.
צער
פֿון אַלע קריעה'ס,
אַ טרער
פֿון מײַנע וויִעס,
אַ זכּרון פֿון איר חן
ווען אומעטיק אַליין
איז אַוועק צו גריבער ליים
אַ לעבן. ציכטיק. ריין.

אויסגעייִנגלט זיך. געוואָרן רייַף,
ברענג איך היינט אַהיים
דעם פייַף
פון פאַסטעכס פּייַפל.
שטערנדיקן פינקל.
דעם בליאַסק פון רינגל
אויף אַן אויסגעבלייכטן פינגער.
אַ קול — אויף וועגן ווייַט פאַרלאָרן
פון אַ זינגער —
און אייביק וועט שוין טראָגן מייַן געהער
איר טרער —

אויף רעגנדיקע סטעזשקעס
אָפּנעמען איר כליפּ
איז מיר באַשערט.

איך ברענג אַהיים...

צווישן חסד און דין

צווישן חסד און דין
אַלע טעג.
צווישן שפּינוועבס און שפּין
אַלע שעהען.
צווישן דאָ און אַהין
אַלע ניינען און יאָען.

אין מיטן חסד און דין
מײַן וואָרט,
אין מיטן שוואַרץ און גרין
מײַן שריפֿט.
זשומעט אין פּרדס אַ בין
מיט אַ גיפֿט.

ווערט טונקל און שווער
דער טראָט.
הענגט אַן אָרעמע טרער
אויף דער וועלט.
וויינט מײַן גאָט
אין זײַן היכל.
דעקט אַ וואָלקן אַריבער
זײַן שמייכל.

ווּהין קומט אָן מײַן תּפֿילה
צווישן חסד און דין?
ס׳איז צײַט פֿון נעילה.
גלין
קלינגט אַ גלאָק
און פֿאַרזינקט מיט זײַן אָפּקלאַנג
אויף טונקעלע וועגן.

ווען איך וואָלט קענען זיך אַליין פאַרשטיין

ווען איך וואָלט קענען זיך אַליין פֿאַרשטיין
ווי דער שטיין
פֿאַרשטייט זײַן עלנטקייט אויף וועגן.
ווען איך וואָלט קענען טאָן אַ זאָג:
דו נאַר, —
קען די נאַכט פֿאַרשטיין דעם טאָג, —
ווי זשע ווילסטו זיך אַליין פֿאַרשטיין?

ווען איך וואָלט וויסן אַז עמעץ-ווער
פֿאַרנעמט מײַן אויסגעשריי: געוואַלד
און זעט
מײַן טרער
אויפֿן העכסטן בוים אין וואַלד;
ווען איך וואָלט וויסן אַז דער כּלי-זמר
שפּילט אויף זײַנע פֿידלען מײַנע טענער,
וואָלט איך גאַווה'דיק געזאָגט צו זיך אַליין:
פֿון אַלע פֿאַרבן ביסטו שענער
און די זון פּוצט אָפּ די שטויבן פֿון דײַן גראָען חלום.

ווען איך וואָלט קענען לעשן מײַנע שׂרפֿות
מיט מײַנע פֿלאַמען,
וואָלט איך געזאָגט צום בורא עולם:
נאָר איך, נאָר איך בין תּופֿס,
דעם חסד פֿון אַ מענטש וואָס איז מיט דיר צוזאַמען
און גייט מיט דיר
ווי דער פּאַסטעך מיט זײַן שאָף,
ווי דער חלום מיטן שלאָף,
ווי דער אָנהייב מיטן סוף —

ווען איך וואָלט קענען זיך אַליין פֿאַרשטיין —

אין הקפות אַרום וועלט־באַלעמער

אין ווייַנקעלער פֿון מחשבות
טרינק איך אויס די זאַפּטן
פֿון אַלע מייַנע אָבות.
פֿון יאַרמלקע.
פֿון קאַפּטן.
פֿון הקפֿות אַרום באַלעמער.
אין ווייַנקעלער פֿון מחשבות כ׳האָב דערזען :
מייַן ייד געווען לעולם נאָר אַ געבער
ניט קיין נעמער.

געגעבן דבֿרות און אַ גאָט,
חכמה׳דיקן זאָג.
מיט שׂכל און מיט האַרץ
אויסגעקנאָטן יעדן טאָג.
געלערנט תּפֿילה טאָן אין היכל,
אָפּגעשפּאָרט פֿאַר אַלעמען
ליכטיקייט און שמייכל,
פֿאַרטיילט חלום און באַגער
און אויסגעוויינט אַן אומעטיקע טרער.

יאָ.
אין הקפֿות אַרום וועלט-באַלעמער
געווען מייַן ייד
אַ געבער ניט קיין נעמער.

נאָר גענומען האָט ער פֿון ערלים
פֿולע הויפֿנס וויי און צער.
געשטונקען האָט דער חזיר פֿון די טריפֿהנע כּלים,

און פֿון זײַנע קלויסטער-גלאָקן געשריגן האָט:
געפֿאַר!
דער צלם
האָט אים צוגעגרייט רויע פֿויסטן
פֿאַר זײַן גולם,
כּדי אין הקפֿות אַרום וועלט-באַלעמער
טיילן זיי דעם למדן און דעם רב,
דעם סוחר און דעם קרעמער.

אין ווינקעלער פֿון פֿלאַקער און עקדות
קומען מיר אַנטקעגן
אײַנגעקנייטשטע זיידעס.
קומען זיי פֿון קראָקע און לובלין,
פֿון וואַרשע, פּינסק און ווילנע.
קומען מיט אגדה. טובלען זיך אין דין.
קושן אויס דעם עילוי, דעם וואַסערטרעגער און דעם מילנער,
און אַלע די, וואָס יגיע כּפּים
געווען פֿאַר זיי עבודה,
און לשם שמים
געקריגט זיך פֿאַר אַ ביצה שלא נולדה,
וואָס האָט, חלילה, געקאָנט טריף מאַכן אַן עדה —
קומען זיי אין ווינקעלער פֿון פֿלאַקערן
פֿון ס'ניי
מיט עשׂרת הדברות יידיש-ערד צעאַקערן.

געווען בין איך בײַ זיי אַ גאַסט אויף שלש סעודות.
געבראַכט אַ גרוס פֿון אַ צעבלעטערט בוים
אויסגעוואַקסן אויף הייס צעברענטע גרודעס
אין ישׂראל.
איז אויפֿגעשטאַנען אַ צעקנייטשטער רב און געמאַכט
שהחיינו

אויף אַ בוים פֿון נחמות און ישועות.
דער חוזה פֿון לובלין, דער ווילנער גאון
יעדערער פֿון זיי מיט אַ פֿאַרקנייטשטן שטערן
ווי פערלדיקע טויען
אויף פֿעלדער אויסגעטריקנטע האָט אויסגעלאָגלט
תּורה-ווערטער — —
פֿון יענעם שלש סעודות געטרונקען האָב איך פֿולע לאָגלען
טרערן.
אין ווינקעלער פֿון מײַן אייגן לעבן
טרעט איך אויס די טרויבן
פֿון מײַן טאַטן.
איך מאַך פֿון זיי אַ נײַעם ווײַן אויף קידוש
פֿון אמונה, גלויבן.
האַלטן ריין און הייליק זײַנע ווערטער
און ניט פֿאַרראַטן
מאַמעס תּחינה.
אַ נײַער קידוש, וואָס איז אַלט
ווי אַלטער ווײַן,
נאָר איך גיס אין אים אַרײַן
אַ ביסל שווייס פֿון ישׂראל-זייער
רייניקן און לײַטערן, באַנײַען
דעם זין פֿון הלך-גייער.

אין ווינקעלער פֿון מײַן נײַעם סדר
בין איך אָנגעקומען אין אַ שטילן פֿאַרנאַכט.
אָפּגעפּרישט דעם ניגון פֿון דעם חדר.
און געמאַכט
אַ טיש, אויסגעבעט מיט ווײַס פּאַפּיר
און פֿאַרשריבן
אַ שיר
פֿאַר אַלע מײַנע זיידעס.

דער שיר איז אָנגעשריבן פשוט, קלאָר.
ער פֿאַרמאָגט די גראַמען און די תּנועות
פֿון דעם דור.
דער משורר — אַן אײַנגעשפּאַנט פֿערד אין דוהעס
שלעפּט און שלעפּט די משׂא.
אַ מאָל שלעפּט ער דעם שיר און אַ מאָל — פֿאַרקערט.
אין אַ שטילן פֿאַרנאַכט אויף יענער וועלט
אַ קול דערהערט:
זינגען און פֿאַרשרײַבן.
זאָל דער ריח פֿון דעם אתרוג
אין אונדזער ליד פֿאַרבלײַבן.

תם ונשלם

די שקיעה געצונדן דעם וואַלד.
אַ בוים פֿאַרכאַפּט פֿון אַ פֿלאַם
צעריסן אין וויי:
תּם ונשלם.

אַ גערטנער דעם גאָרטן געהיט.
רציחה אין אויגן פֿון כאַם
פֿאַרשניטן דעם בלי:
תּם ונשלם.

שיפֿן אין וויַיטע מרחקים פֿאַראַנקערט.
מיט רוגזה געוואָרפֿן דער ים
די מאַטראָסן צום אָפּגרונט:
תּם ונשלם.

קניט אַ דיכטער מיט אימה אין האַרץ:
מעק אויס דעם גזר פֿון דעם גראַם.
ריַיס אויס מיט די וואָרצלען
דעם תּם ונשלם.

וואָרצל און מעל

געשטאַנען מײַן ליד און געוואַרט איך זאָל קומען פֿון וועגן.
אָפֿן מײַן טיר און דער האַרבסט אויף מײַן שוועל.
כ׳בין אַרײַן, זיך באַגריסט און מײַן ליד האָט געזאָגט:
כ׳בין דער וואָרצל פֿון בוים, פֿון דײַן מיל — כ׳בין דײַן מעל.

כ׳האָב מײַן האַרץ, ווי אַ ספֿר, געבלעטערט און געזאָגט
צו מײַן ליד:
פֿון שטורעם מײַן בוים איז געבויגן. די רעדער פֿון מיל
ווילן מער זיך נישט דרייען.
— פֿאַרשווײַג און פֿאַרשרײַב — האָט דאָס ליד אָפּגעהאַקט.
דער וואָרצל איז טיף און די אָדערן שטײַפֿע
און דאָס ברויט אויף דײַן טיש איז פֿון פֿריידן און ווייען.

אויפֿן שוועל אַ ויכּוח צווישן דיכטער און ליד:
שאלות און תּשובות און טענות פֿון צדדים.
אַ קנויל און אַ פּלאָנטער פֿון דיכטער און ליד,
אין געוועב פֿון די טענות — אַ ליכטיקער פֿאָדעם:

כ׳בין דער וואָרצל פֿון בוים, פֿון דעם מיל — כ׳בין דײַן מעל.

אין ווירבלדיקע טעג

גערוואָלט אויסהיטן מײַן פּאָן אין ווירבלדיקע טעג,
געבליבן איז דער שטעקן אין מײַן האַנט.
געוואָלט אויסהיטן מײַן תּפֿילה אין ווירבלדיקע טעג,
געבליבן איז אַ שטומע, האַרטע וואַנט.

געוואָלט אויסהיטן מײַן ליבע אין ווירבלדיקע טעג,
געבליבן נאָר דער חן פֿון יענע יאָרן.
געוואָלט אויסהיטן מײַן לעבן אי ווירבלדיקע טעג,
געבליבן נאָר אגדה און זכּרון.

געוואָלט אויסהיטן הלכה אין ווירבלדיקע טעג,
פֿון דעם **פּרדס** געבליבן נאָר דער פּשט.
האָב איך געוואָלט פֿאַרהיטן ברודערשאַפֿט אין ווירבלדיקע טעג,
פֿאַרבליבן איז דער בײַסיקער פֿאַראַט.

געהאַט אַמאָל אַ קראָם מיט בשׂמים כּל-המינים
געבליבן אַן אָן-מזוזה'דיק קרעמל,
הענגט אויף שפּיצן דאָרט אַ שטעקן אָן אַ פֿאָן
ווײַנט אַ רויט שטיקל לײַוונט אין שוואַרצקייט פֿון אַ רעמל.

אַלע שעהען זינקען

אַלע שעהען זינקען מיט אַ ווילדן צאָרן,
שטעלן זיך אין ריי פֿון אומרויִקע יאָרן.

אַ פעקל יאָרן צווייפֿלט: אפֿשר בלײַבן שטיין.
קלינגען אויס די גלאָקן: גיין. גיין. גיין.

ברוגזן זיך הימלען, ריזלען בלויע קוואַלן,
נעכט מיט בייזע ווינטן, מוזיק און ליכט אין זאַלן.

קומט אַ שעה צו גיין און ברענגט דיר אַ סך-הכּל:
אַלע דײַנע טעג — אַ ברענענדיקער פֿאַקל.

דראַפּעט זיך אַ חלום, בלײַבט ער ערגעץ הענגען,
קומט אַרײַן אַ לץ און וויל מיט מיר פֿאַרברענגען.

כ׳בין געקומען, לעבן מײַנס, חלומען און בענקען,
כ׳וויל ניט לצל פֿון מײַן טאָג אַ מינוט דיר שענקען.

כ׳ליב הײַנט טויבן, ווײַסע פֿליגל, כ׳וויל ניט שוואַרצע ראָבן
כ׳וויל אַ טאָג, אַ ווײַסן טאָג, די נאַכט ער זאָל באַגראָבן.

כ׳וויל הײַנט וועגן אויפֿן וואָגשאָל אַלע מײַנע פֿריידן
און אַרומנעמען מײַן וועלטל, ווי אַן אייניקל דעם זיידן.

ס׳איז שוין צײַט איך זאָל דאָך וויסן: וויפֿל וועגט מײַן האַרץ,
וויפֿל אײַנגעוועבטע זונען, וויפֿל שנירלעך — שוואַרץ?

און וויפֿל וועגט אין ליד, אַ לעבעדיק אות
ווען עס וואַרגט דײַן מאָרגן דער חותם פֿון חצות.

כ׳וויל הײַנט וויסן אַלע וועגן ווּהין מײַן וואָרט פֿאַרוואָגלט,
צי דער דרויסן כליפּעט נאָך, צי דאָס פֿעלד איז נאָך
פֿאַרהאָגלט?

צי בײַ די אויסגעברענטע וועלדער היט נאָך אויס דער שומר
אַלע וואָרצלען אין די טיפֿן פֿון אָפּגעהאַקטע ביימער?

כ׳וויל הײַנט אָפּוועגן אויף וואָגשאָל אויגן און געהער,
וויפֿל וועגט מײַן ציטער און וויפֿל וועגט מײַן טרער.

אַלע שעהען זינקען מיט אַ ווילדן צאָרן,
ווער קען מעסטן, וועגן מײַן נאַכטיקן זכּרון?

אַלע טײַכן

אַלע טײַכן פֿליסן צו די ימען,
אַלע בערג דעם פּאַסטעכס פּײַפֿל הערן.
מײַן לעבן בענקט נאָך טאַטע-מאַמען,
דאָס ליד אין האַרצן זוכט אַ שטערן.

אַלע וואָרצלען היטן אויס דיביימער.
אַלע האַרבסטן דעקן צו די בלעטער.
ווער קנעכט די טעג מײַנע, פֿון וועלכן חומר,
ווי דער נאָמען פֿון אויסגעטרוימטן רעטער?

אַלע אומרוען פֿאַרשטאָכן מיט ניגונים,
צעקנייטשטע מאַמע-ערד די ווינטן קאַמען.
שטילע וואַסערן זינגען פֿון דעם ברונעם,
נאָכן שטורעם וויינען אַלע שטאַמען.

אַלע שיפֿן רײַסן זיך צו ברעגן,
די מאַטראָסן בענקען נאָך אַ היים,
די וואָלקנס קנעטן אויס דעם רעגן,
ווי סקולפּטאָרן קנעטן אין דעם ליים.

קוילן-גרעבער רײַסן זיך פֿון שאַכטן,
לידער רײַסן זיך פֿון טיפֿן.
פֿרויען וויינען אין פֿאַרנאַכטן,
נאָר די קינדער לאַכן, שטיפֿן.

אַלע ווערטער אַנטפּלעקן זיך פֿון סוד,
ווען אויף הימלען הענגט אַ רעגנבויגן.
דאָס האַרץ ווערט פֿול מיט חסד און גענאָד
אין אָנבליק פֿון צוויי בלויע מאַמע-אויגן.

אַלע גלאָקן קלינגען אויס דייַן נאָמען,
ווען די ווערטער גיבן זיך דיר אונטער.
ממעמקים פֿון די תהומען
קומט אָן אין ליד אַ רמז פֿון אַ וווּנדער.

אַ ליד

אין וואַלד וואַקסן די ביימער און פֿרעגן קיינעם ניט
ווי די וואָרצלען פֿאַרטיפֿן און העכערן די צווייַגן;
בייַ די וועגן וואַקסן שטיינער מיט עקשנות אין די אויגן
און דאַרפֿן קיינעם קיין דין וחשבון געבן פֿאַר וואָס זיי
שווייַגן.
נאָר איך דאַרף יעדערן דערציילן
פֿאַר וואָס ברענען ווערטער ווי הייסע קוילן.
נאָר איך.

וואָלקנס לויפֿן אום אין האַרבסט אויף גרויע הימלען
און מייַדן אויס אַ פתחון־פה פֿאַר וואָס זיי וויינען;
שטערן אויף די הימלען היטן אויס די סודות
פֿון זייער כּישוף און בליאַסקנדיקע חנען.
נאָר איך דאַרף אויפֿשרייַבן אַ ליד פֿאַר דעם מעת־לעת,
און אויסטייַטשן דעם וווּנדער פֿון מייַן גאַנג און נס.
נאָר איך.

מקנא בין איך וועלדער, מקנא בין איך שטיינער,
איך וויל אויך אַ וואָלקן ווערן און אַ שטערן.
איך זאָל ניט דאַרפֿן אָפּגעבן אַ דין וחשבון
פֿון וואַנען קומט מייַן פֿרייד, פֿון וואַנען — מייַנע טרערן.
נאָר, זעט אויס, אַז אַ מענטשנס גורל ליגט אין וואָרט
און נאָר מיט רייד פֿאַראַנקערט ער זייַן שיף אין פּאָרט.
זעט אויס...

אַ פידל אָן אַ בויגן

אַ פּאַסטעך האָט אַ פּידל געשניצט
נאָר דעם סמיטשיק ניט געקענט האָט ער שניצן.
זיצט אַ פּאַסטעך פֿאַרבענקט און פֿאַרקלערט,
זײַן פּידל ער קען הײַנט ניט ניצן.

וויל ער אַ ניגון אויסשפּילן,
וויל ער זײַן אומעט פֿאַרטרײַבן.
האָט ניט די פּידל קיין סמיטשיק,
ווער וועט די נאָטן פֿאַרשרײַבן?

אַ פּאַסטעך האָט אַ פּידל געשניצט
צו שטילן זײַן ווײ און זײַן צער.
האָט אים דער אומעט געפֿאַנגען,
די נאַכט אין איר בוזעם פֿאַרנאַרט.

וויינט דאָרט אַ פּאַסטעך אויף וועגן,
צו וואָס קען די פּידל אים דינען?
נאָר דיכטער מיט זייערע לידער
קענען דעם סמיטשיק געפּינען.

געפּינען און ברענגען צום פּאַסטעך
וואָס וויינט דאָרט ווי איך און ווי דו
און ברענגען צו סטרונעס פֿאַרשוויגענע
דאָס ליד פֿון שלווה און רו.

ער זאָל רוען אין פרידן

אויף דײַן מצבה האָט קיינער ניט אויפֿגעשריבן :
ער זאָל רוען אין פֿרידן.
די וועלט האָט פֿײַנט יידן.

וויל איך דיר אַ מצבה שטעלן.
האָב איך אויסגעהאַקט אַ שטיין אין האַרץ.
אַזאַ מצבה וועט דיר הײַנט געפֿעלן.

אויב אַפֿילו כ׳וועל דײַן קבר אויסגעפֿינען
ערגעץ ווײַט אויף וועלטישע ירידן,
וועל איך אויף שטיין דײַן נאָמען ניט פֿאַרקריצן
מיטן פסוק :
ער זאָל רוען אין פֿרידן.

ווײַל דער כאַם וועט דײַן שטיין
אַרויסרײַסן פֿון טיפֿן.
דער כאַם האָט מורא פֿאַר דײַנע העראָגליפֿן.

נאָר אין האַרץ אויף בלוט און שטיין
כ׳פֿאַרקריץ :
דאָ רוט אַ ניגון פֿול מיט חן.
זמירות פֿון אַ יידן.
ער זאָל רוען אין פֿרידן.

ווּ נעמט מען כּח?

ווּ נעמט מען כּח, דורכרײַסן די שטראָמען
מיט צוויי צעשפּרייטע הענט אין ים
און אָנקומען צו ברעגן,
ווּ ס׳איז קיין גרענעץ דאָ, קיין צאַם.

ווּ נעמט מען כּח אַ שווים טאָן
אין ווירבלדיקן אָקעאַן
מיט אַלע מוסקולירטע גבורהדיקע גלידער
און אָנקומען צו אַ ווײַס שעפּסעלע אויפֿן גרינעם לאַן.

ווּ נעמט מען כּח, אַראָפּרײַסן פֿון טאָג זײַן שקיעה
און אין ליכט פֿון אייביקייט פֿאַרשפּונען
אָנקומען אין אַ לאַנד אָן נעפּלען, ווּ די ראיה
האָט איר קלאָרקייט אויסגעפֿונען.

ווּ נעמט מען כּח, זיך דורכרעדן מיט גאָט
ברידערלעך און אָפֿן
און נאָך מײַן טענהן זאָל ניט דונערן זײַן קול:
ישׂראל בן ר׳ סענדער, כ׳וועל דיך פּײַניקן און שטראָפֿן.

ווּ נעמט מען כּח, אַראָפּרײַסן פֿון דער נאַכט
די שוואַרצע פֿליגל,
אויפֿנעמען דעם פֿלאַטערדיקן ציטער פֿון מײַן מאַמעס וואָרט
און אַרײַנקריכן צוריק אין וויגל.

ווּ נעמט מען כּח, קרבן, שטיין אַנטקעגן דיר
מיט גלויבן און געדולדיק
און זאָל מײַן שטים ניט ציטערן, ווען רויִק וועט מײַן שקר
מורמלען: כ׳בין ניט שולדיק. כ׳בין ניט שולדיק.

ווּ נעמט מען כּח, אָנשרײַבן אַ ליד, אַז אַלע שברי-כּלים
פֿון מײַן לעבן זאָלן כליפּען אין דעם טאָל,
ווי ס'כליפּעט דאָרט אין אַ בשותּפֿותדיקן קבֿר
מײַן מאַמעס קול.

ווּ נעמט מען כּח, דורכרײַסן די שטראָמען
מיט צוויי צעשפּרייטע הענט אין ים
און אָנקומען צו ברעגן
ווּ ס'איז קיין גרענעץ ניטאָ, קיין צאַם.

כ׳האָב געפֿרעגט

כ׳האָב געפֿרעגט מײַן טאָג:
זאָג מיר קלאָר און ניכטער,
וואָס האָט הײַנט פֿאַרלוירן
דער אומעטיקער דיכטער?
הײַנט האָסטו געבוירן
טויזנטער קאָלירן,
בלעטעלעך אויף ביימער,
געלעכטערס אין די טירן,
ציגײַנערקעס אויף וועגן
כוואַליעלעך אויף ברעגן,
פֿעדעמלעך דין־דינע
גרעזעלעך גרין־גרינע,
האָב איך אַלץ פֿאַרלוירן
וואָס דו האָסט געבוירן?

כ׳האָב געפֿרעגט מײַן נאַכט:
דו לײַב פֿון אַלע לײַבער,
וואָס האָט הײַנט פֿאַרלוירן
דער אומעטיקער שרײַבער?
אין דײַנע שוואַרצע טריט
אַ זונה איז געגאַנגען,
אַ חלף פֿאַרן שניט
דײַן שוואַרצקייט נאָכגעגאַנגען.
דער אומעט אין דײַן גלאָק
האָט געקלונגען ווײַט,
ניט געלאָזט דעם טאָג
אָנקומען אין צײַט.
האָב איך אַלץ פֿאַרלוירן
וואָס דו האָסט געבוירן?

מיד פֿון וואָגלען.
מיד פֿון וואַנדלען
וויל די נאַכט
מיט טאָג היינט האַנדלען,
וויל דער טאָג ניט קויפֿן,
וויל דער זינגער ניט אַנטלויפֿן.
צווישן טאָג און נאַכט אָט שטייט ער
און ער בויט זיין חלום-לייטער.

*

גאָט, —
אַ מאָל אַ קינד אין וויגל,
אַ שטראַל אין וואַסער-קריגל
אַ פּנים אין אַ שפּיגל.

אַ מאָל אַ בליץ אין שטורעם,
אַ דונערקראַך אויף טורעם,
ווײ אין צער, יסורים.

אַ מאָל — אַ צוויי-דרײַ שטערן,
אויגן פֿול מיט טרערן,
אין נעכט אַ לאַמטערן.

אַ מאָל — אַ כוואַליעלע אין ים,
אַ שוואַרץ געהילטע ראַם
און סתם.

אַ מאָל — אַ מאָל —
אַ בת-קול פֿון אַ קול,
אַ געשריי פֿון לעבן: צאָל!

צוויי גרינע בלעטער

געזען צוויי גרינע בלעטער
אויף אַ בוים.
געזען.
נאָר כ׳קען זיך ניט דערמאָנען
ווו און ווען.

געזען מײַן נאָמען אין אַ שוואַרצער ראַם.
אַ נעקראָלאָג.
געזען.
נאָר זאָג מיר, זאָג:
ווו און ווען.

אָ, דו חכם איינער,
אָ, דו גרויסער נאַר.
נישט דו מישט איבער דײַנע בלעטער
אין דעם קאַלענדאַר.
פֿרעג די פֿאַרנאַכטן, פֿרעג,
זיי האָבן אַלץ געזען,
זיי וועלן דיר אַנטפּלעקן
ווו און ווען.

די פֿאַרנאַכטן ווייסן אַלץ.
עס ליגט אין זיי דײַן חלום.
דײַן ברויט און מעסטל זאַלץ.
די חכמה פֿון משלים.
זיי ווייסן ווו.
זיי ווייסן ווען.
זיי האָבן אַלץ
געזען.

געזען צוויי גרינע בלעטער אויף אַ בוים.
אָ, דו גרויסער נאַר.
אָ, דו גרויסער חכם.
מיינסטו דען, אַז גרינע בלעטער
האָבן פֿליגל ווי מלאכים,
וואַקסן ווי לעם קוואַלן־צמחים ?

געהערט אַ מאָל אַ ליד פֿון אַ יידישן פּאָעט :
„ס'איז אַ ליגן. ס'איז אַ ליגן. ס'איז אַ פּוסטער
טרוים".
דעם פּוסטן טרוים איך האָב געזען —
גלייבט מיר אויף מײַן וואָרט :
איך ווייס שוין וווּ, איך ווייס שוין ווען.

טראָגט אַריבער

דער סקולפּטאָר אויף זײַן סטאַטוע
האַקט דעם חלום אויס אויף שטיגן.
יחזקאל מיט זײַן וואָרט, נבֿואה
וועט פֿאַראייביקן דעם ניגון.

שׂאו ציונה — אַלע פֿליגל
אָפּגעהאַקטע אין געוויטער.
דאָ פֿאַרחתמעט און פֿאַרזיגלט
אייַער פּלאַטער, אייַער ציטער.

דיר, אָ, ראובן, דיר, אָ, שמעון,
און ווי הייסן אַלע שבֿטים? —
דאָ אַ צייכן און אַ סימן
פֿון דײַן לעבעדיקן אָטעם.

שׂאו ציונה — טראָגט אַריבער
ווילנע, וואַרשע און לובלין,
גראָבט אַרויס פֿון אַלע גריבער
אַלע טעכטער, אַלע זין.

אַלע טאַטעס, אַלע מאַמעס,
טײַער אונדז איז יעדער גוף.
ברענגט אַהער דעם אַלטן שמש
צו דער תּורה רופֿט אים אויף.

שׂאו ציונה — דעם באַלעמער
פֿון די אַלטע, גרויע דאַוונער,
ברענגט דעם חזן מיט זײַן זמר
ס'וואַרט ר' יוחנן אין יבֿנה.

ברענגט אַהער דעם בעל מלאכה
צווישן אַלע נײַע עולים.
זאָל ער מאַכן דאָ אַ ברכה,
דאָ זײַן אָרט צווישן גדולים.

זאָל דער לוי און דער כּהן,
שמיד און שנײַדער, וואַסער-טרעגער,
מיט זײַן כּליפּען און געוויין
קומען צו זײַן רו-געלעגער.

שׂאו ציונה — פֿאַסטעד, שאָף,
ס'וואַרט אויף דיר אַ נײַער טורעם,
פֿון אַלע וועלטן, פֿון אין-סוף,
קנעט מען דאָ אַ נײַעם פֿורעם.

ס'האָט דער סקולפּטאָר צוגעזאָגט
אַלע בייטן, אַלע זאַנגען
אין דעם שטיין פֿון אונדזער טאָג
אויסהאַקן די אַלטע קלאַנגען.

שׂאו ציונה — אַלע פֿונקען
איבער בערג און איבער ימען,
כ'האָב מײַן ליד הײַנט אָנגעטרונקען
מיטן צער פֿון טאַטע-מאַמען.

אַזאַ אומעטיקן טאָג

אַזאַ אומעטיקן טאָג
שוין לאַנג ניט געהאַט.
געמישט האָט מײַן לעבן
אַ בלאַט נאָך אַ בלאַט.

געקומען אַ פֿויגל
צעפּיקן מײַן שויב,
אַנטלאָפֿן פֿון טויבנשלאַק
מײַן ווײַסינקע טויב.

געקומען אַ בער
אַרויס פֿון זײַן נאָרע.
צעגריזשעט אַ וועווערקע,
לעם וואָרצל די קאָרע.

געקומען אַ הונט
געבילט צו די הייכן,
געוואָלט מיט זײַן בילן
די שטערן דערגרייכן.

געקומען ר׳ טוביה,
אַרײַן מנחם מענדל,
געבראַכט פֿון די שבטים
יוספֿקעס העמדל.

דער פֿידלער געקומען,
אַ סטרונע געפּלאַצט.
איוב בײַם שוועל
פֿון די שערבלעך צעקראַצט.

געקומען דער טאַטע.
געקומען די מאַמע.
לעבעדיקע? טויטע?
טויטע מסתּמא.

די טיר זיך געעפֿנט
מיט טראַסק און גערודער
אַ גלאָז בלוט אין די הענט
פֿון געהרגעטן ברודער.

אַ ווינט אין די לאָדנס
מיט זשומען, מיט ברומען.
די געליבטע אַרייַן
מיט געשריי אויפֿן גומען.

אַרייַן זענען טעג
און נעכט פֿון דעם נעכטן,
אַ חלף אָן פּגימות
נאָך קיילענען, שעכטן.

געקומען מייַן אומעט
אַ פֿאַרוואָקסענער, מידער,
אַ בעט אויסגעבעט
מיט שלאָפֿלאָזע לידער.

אַזאַ אומעטיקן טאָג
שוין לאַנג ניט געהאַט.
געמישט האָט מייַן לעבן
אַ בלאַט נאָך אַ בלאַט.

*

נאָך אַלע פֿייגל
פֿליט אַ קראָ.
נאָך אַלע רגעס
פֿליט אַ שעה.
נאָך אַלע שעהען
לויפֿן טעג.
נאָך אַלע ביימער
יאָגט אַ זעג.
נאָך אַלע שקיעהס
קומט אַ נאַכט
און אַ שד,
ניט דאָ געדאַכט.
דריי זיך ערד
אַרום דער זון.
ס'וואַרט געדולדיק
דער פּ. נ.

ביי אַ טישל אין קאַפע

נאַכט. פֿאַרשלאָסן אַלע קאַפֿייען.
איינער נאָר בײַ אַ טישל
רויכערט אויס זײַן לעצטן ווײ
פֿון אַלע ווייען.
געזוכט האָט ער אַ שליסל
צו זײַן טאָג.
נאָר צווישן אַלע אײַזנס
האָט דעם שלאָסער אויסגעפֿעלט אַ שטיקל אײַזן.
ליגט דער טאָג פֿאַרשלאָסן
אונטער ווייען
און פֿאַרדראָסן.

נאַכט. פֿאַרשלאָסן אַלע קראָמען.
איינער נאָר בײַ אַ טישל
געדענקט ניט, ווי פֿאַרשריבן
איז זײַן נאָמען.
און ווער האָט אים דאָס לעצטע מאָל
גערופֿן.
און וווּ דער שליסל צום זכּרון?
בגילופֿין
לויפֿן דורך, ווי הירשן
זײַנע יאָרן.
געבליבן נאָך אין פֿלעשעלע אַ ביסל.
ווי רופֿט מען דיך
און וווּ דער שליסל?...
נאַכט. נאָר ער אַליין אין קנויל
פֿון רויך און ריח
געבליבן נאָכן מבול ווי אין תּיבה
נח.

נאָר די טויב האָט ניט געבראַכט
דאָס בלאַט.
שמעקט די נאַכט מיט אימה און פֿאַרראַט.
ווייסט ער ניט זײַן נאָמען.
דער שלאָסער איז פֿאַרזונקען
אין תּהומען.
איז ער פֿאַרבליבן אָן אַ שליסל.

דער טאָג פֿאַרשלאָסן ליגט
און ער אַליין
וויגט
זײַן צער, געוויין
אַ לעצטער בײַ אַ טישל אין קאַפֿע.

ווען עס צינדן זיך די האָריזאָנטן

נאָר אין פֿאַרנאַכטן, ווען עס צינדן זיך די האָריזאָנטן,
קומט צו מיר מײַן א י ד,
ווי ס'קומט אַ זון פֿון ווײַטע פֿראָנטן,
פֿון פּחד, צער און וואָגל.

דו האָסט געבראַכט פֿון היים דײַן טאַטנס אויגן,
טראָג זיי, ווי שטורקאַצן,
ס'איז זײַן וואָרט קיין מאָל ניט געווען דאָס וואָרט
פֿון לצים און פּאַיאַצן.

דו האָסט געבראַכט פֿון היים אַ טרער פֿון אַ רחמימדיקער
מאַמע
טראָג זי, ווי אַ ליכט
אין דער גרויסער ליקוי חמה.
דײַן מאַמעס טרער. דײַן געוויסן און דײַן פֿליכט.

ווען עס צינדן זיך די ערשטע שטערנדלעך אויף בערג,
קומט צו מיר מײַן א י ד.
ווי אַ גוטער מאָלער, שטריך נאָך שטריך,
מאָלט ער אויס די גאַסן מײַנע און די מערק.
און אויף זיי: מײַן טאַטנס אויגן און מײַן מאַמעס
רחמימדיקע טרער.

ווען איך הער דעם זאָג פֿון בערג: קריך
און הער ניט אויף צו קריכן,
זוכן און געפֿינען דײַן איך
צווישן אַלע איבן,
נעם איך מיט צום קלעטערן:
מײַן טאַטנס אויגן און מײַן מאַמעס רחמימדיקע טרער.
אָן זיי, וועט מיך דער שטורעם הײַנט צעשמעטערן.

תהילימדיק

דער טאָג אין אומרו פֿאַרקראָכן.
אין יסורים פֿאַרוואַקסן דער שיר.
מיט צער דאָס נפֿש פֿאַרשטאָכן.
אַ תּפֿילה :
תּבוֹא לפֿניך אֶנקת אַסיר.

די נאַכט אין פּיַינען אַריַין.
פֿריידן — וויַיט פֿון מיַין היים.
מיט סם דאָס וואַסער, דער וויַין.
אַ געשריי :
תּרדפֿם בסערך ובסופֿתך תּבהלם.

וואַרט איך אויף וויַיסקייט פֿון שנייען.
אַריַין זאָל דיַין ליכט אין דיַין חן.
שטומקייט אויף אַלע געשרייען.
אַ תּפֿילה :
במעשׂי ידיך אַרנן.

ביידע

אַ בלעטל אין האַרבסט
איז טײַער מיר און ליב
ווי דײַן שמייכל.
ביידע וואַלגערן זיך אין גאָלד.
בוי איך אויס פֿאַר זיי
אַ היכל.
פֿאַר ביידע האָט מײַן ליד באַצאָלט.

אַ ציטער פֿון דער שקיעה
איז טײַער מיר און ליב
ווי דײַן אומעט.
וואַלגערן זיך ביידע אין מײַן ליד
און אַ ניגון זשומעט
ווי אַ בין אין פּרדס
פֿון מײַן וואָרט.

אַן אַראָפּגעפֿאַלענער שטערן
איז טײַער מיר און ליב
ווי דײַן אָפֿענע טיר.
וואַלגערן זיך ביידע אין מײַן צאַפּל
און מײַן ריטם אויף אַ לייטער,
שטאַפּל נאָך אַ שטאַפּל,
קוקט אַרײַן אין זייער צער.

אַ ליד

אַ ליד —
איז אַ שמייכל,
אַ טרער
און אַ מאָל עפּעס מער.

אַ ליד
איז אַ ניגון,
געהער,
און אַ מאָל עפּעס מער.

עפּעס מער,
עפּעס מער:
ס'איז אַ ים,
אַ געוויטער,
אַ דאָרן אין פֿלאַם,
אַ שומר,
אַ היטער
און אַלץ וואָס דײַן לעבן פֿאַרעיגולט:
אַ שפּיגל
און גליק
פֿון אַ קינד אין אַ וויגל.

אַ ליד —
דער שטראָם פֿון דײַן בלוט,
אַן אייביקייט
אין איין מינוט,
ווען פֿאַר דיר און פֿאַר אַלע
ווערט נתגלה
אַ וועלט פֿאַרזייט מיט טויזנטער שטערן.

אַ ליד —
אַ מאָל האָב איך מײַן וואָרט געפֿונען
אין טויזנט זונען;
אַ מאָל
אין אַ קול
פֿון אַ פֿייגעלע אויף צווײַגן;
אַ מאָל אין געשריי
פֿון מײַן הילכיקן שווײַגן;
אין צער און וויי
פֿון סתם אַ מענטש,
וואָס צינדט אין דיר באַגערן
און וויל אַז דו זאָלסט הערן
זײַן וואָרט.

ווײַל ליד,
איז עפּעס מער
ווי דײַן טרער.
ווײַל געזאַנג
איז אויך אַ קלאַנג
פֿון אַ מענטש
וואָס זינגט פֿון אים אַרויס
מיט רויש פֿון טויזנט ימען
אַלע פּגמען
פֿון דער וועלט.

ס׳איז דאָ אַזאַ זמן,
ווען מײַן וואָרט פֿאַרקריכט אַלץ טיפֿער
אין טומאַן
און שרייט אַרויס:
אַ ליד איז עפּעס מער, אַ ליד איז עפּעס מער.

ביכער פון זעלבן מחבר

אומרו — לידער
שוועלן — לידער
ווי אזן גלויבן — לידער
יידישע ווערטער — לידער
שירי העצב והאור (**תרגם: אביגדור גרינשפן**)
אַ מזמור דעם טאָג — לידער
מסות — בשבילי ספרות יידיש (**זכה בפרס קסל**) שני חלקים
השיר והמשורר (**א. סוצקבר**) — מסה
מייַנע ווייַסע טויבן — לידער
לידער צום מענטש
מסות על סופרי יידיש — בתרגום אנגלי
ח. נ. ביאַליק וויידיש (**זכה בפרס גניה לוי**)